STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04922

HA-RAV REB AVRAHAM TSEVI PERELMUTER

Mosheh Perlmuter

*Permanent preservation of this book was made possible
by Ed & Leah Frankel
in memory of
Flo Cassuto*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



הרב ר' אברהם צבי פערלמוטער אלס ערשטער דעפוטאט
אין פוילישן סיים

מ. פערלמוטער

הרב ר׳ אברהם צבי פערלמוטער
זיין לעבן און שאפן

אנטווערפן / 1933

נאכדרוק שטרענג פארבאטן

Drukkerij L. LAUB, Van Dijckstraat, 57, Antwerpen.

אינהאלט:

זייט

פארוואָרט 7

קאפיטל 1

די משפחה פערעלמוטער 11

אין דער מינסקער ישיבה 12

קאפיטל 2

אליין א מתנגד, אבער די רביים זיינען אים מקרב . . 15

רב אליעזר האט חתונה און ווערט אויפגענומען אלס לאדזשער חזן 16

קאפיטל 3

מ'גנבעט ארויס דעם חזן 19

רב אליעזר חזן דער בעל-צדקה 23

קאפיטל 4

הרב פערעלמוטערס יוגנט 27

די ישיבה וואס הרב פערעלמוטער האט געגרינדעט . 31

קאפיטל 5

די ערשטע דין-תורה און דאס פארהיטן א שטעטל פון א פאגראם 32

די שרפה; אלס רב אין ראטשוינז; די מחלוקה צוליבן לערנען רוסיש 33

קאפיטל 6

אלס קלעטשעווער רב; דער קאלישער רב ווערט ארויס-געשיקט פון דער גובערניע; די קלעטשעווער מחלוקה 38

אלס פאביאניצער רב 43

קאפיטל 7

אלס ראדאמער רב 44

די רייזע נאך ארץ ישראל 47

די באגעגעניש מיטן רוסישן צאר 48

קאפיטל 8

אלס ווארשעווער ראש בית דין 49

הרב פערעלמוטערס קאמף מיט דער ווארשעווער אסי-מילאציע 52

הרב פערעלמוטער באשיצט די ווארשעווער שוחטים 56

קאפיטל 9 זייט

אלס שתדלן. די גזרה אויף די „טישלעך" און די גזרה אויף די זעקס הונדערט בערד. אין פעטערבורג אויף דער רבנים-אסיפה 58

קאפיטל 10

אין די מלחמה-יארן 65

מיט זעקס מינוט צו שפעט 67

גירוש שעדלעץ 68

די רוסישע רעגירונג וויל, אז הרב פערעלמוטער זאל פארלאזן פוילן 72

אין זכות פון יידן 73

קאפיטל 11

אונטער דעם דייטש'ס ממשלה 76

קאפיטל 12

אונטער פוילנס ממשלה; זיין ארבעט לטובת הכלל . 78

צו שפעט... 86

קאפיטל 13

יום כפור אין דער קאנצעלאריע פון מארשאל פילסודסקי 89

די יידישע לעגענדע וועגן פוילנס באפרייונג 92

די אינטערווענץ ביים רומענישן קעניג 95

קאפיטל 14

הרב פערעלמוטערס ארבעט לטובת די רעליגיעזע שולן. זיין רייזע נאך אויסלאנד און דער קאמף ארום דער רייזע 98

קאפיטל 15

די לעצטע יארן פון הרב פערעלמוטער 107

דער סקאנדאל ארום הרב פערעלמוטערס הרקע . . 108

קאפיטל 16

די לעצטע טעג פון דעם גרויסן יידן. הרב ר' אברהם צבי פערעלמוטער און זיין פטירה 112

פרעסע-אויסצוגן 115

קאפיטל 17

די נקמה... 133

אילוסטראציעס: משה פערלמוטער, דער פארפאסער; הרב פערלמוטער, ערשטער רב וואס האט באלייגט עקזאמען פון רוסיש; הרב פערלמוטער בשעת ארויסגעבן זיינע ווערק; ר' אליעזר'קע, לאדזשער חזן, פאטער פון הרב פערלמוטער; הרב פערלמוטער אלס ערשטער דעפוטאט אין פוילישן סיים; אייגנהענטיקער בריוו פונם גערער רבי'ן.

פארווארט

א סך פון מיינע פריינט האבן מיר נישט איינמאל גע-שטעלט די פראגע: ווי קומט עס, וואס איר, א זון פון הרב פערלמוטער, זייט גאר א סוחר און נישט א רב?

שווער, זייער שווער איז געווען צו ענטפערן אויף די מיר געשטעלטע פראגן. אבער איצט, ווען איך שרייב די זכרונות פון מיין פארשטארבענעם פאטער הרב ר׳ אברהם צבי פערל-מוטער זצ״ל, באקאנט אונטערן נאמען „דער ראדאמער רב", וועלכער איז דרייסיק יאר געווען ראש ב״ד אין ווארשע, וועלן מיינע פריינט באקומען א געהעריקן ענטפער, פארוואס איך בין נישט געווארן א רב, כאטש מיין פאטער האט דוקא יא געוואלט, אז איך זאל ווערן א מורה הוראה בישראל, ווי עס פאסט פאר א זון פון אזא גרויסן פאטער. איך האב מיר אן אנדערן לעבנס-וועג אויסגעשניטן: אנשטאט צו ווערן א רב, בין איך געווארן — א סוחר.

איך בין געווארן א סוחר, ווייל פון קינדווייז אן האב איך פיינט באקומען דאס רבנות. נאך זייענדיק א קינד, האט מיין קינדערישן מוח כסדר געעגבערט א פראגע: פארוואס? פאר-וואס ווערט מיין פאטער גערודפט? וועמען האט מיין פאטער שלעכטס געטאן ? וואס האט מען געהאט צו דעם יידן וועלכער האט געלעבט אין דחקות, וואס קאן ביי זיין צו יענער צייט גרויסקייט אלס רב, זיין פאמיליע נישט מפרנס זיין. א ייד וואס לאזט נישט דורך קיין איין פינטעלע פון דער תורה, א ייד וואס זיצט יום-ולילה צוגעשמידט צו דער גמרא, א ייד

וואס פארפעלט נישט אפצוריכטן חצות אפילו ווען ער איז קראנק געווען, א ייד וואס האט קיינעם נישט געטשעפעט, און דאך איז ער גערודפט געווארן אנהויבנדיק פון א „חסידישן שניידער" און ענדיקענדיק ביי א „מתנגדישן שוסטער", האבן אים אלע גערודפט.

איך פלעג מיר דעמאלט מיט מיין קינדערישן שכל ענט־פערן: אז פאר די חסידים איז הרב פערעלמוטער צופיל מתנגד, און פאר די מתנגדים איז ער געווען צופיל חסיד... צוקוקנדיק זיך צו אט די אלע רדיפות, האב איך באשלאסן, וואס איך זאל נישט דארפן טון, קיין רב וועל איך שוין נישט זיין. ווייל דער גאנצער ענין רבנות איז מיר געווען עקלהאפט ביז גאר. האב איך מיך גענומען צו דעם וואס דער פרק המשנה לערנט אונז: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות". און טא־קע דערפאר, נישט קאנענדיק לעבן אין דער כסדרדיקער מחלו־קה־אטמאספער, בין איך אוועק נאך אנטווערפן מיטן געדאנק, ווערן א בריליאנטן־שלייפער, א בעל־מלאכה, און נישט זיך פארדרייען א קאפ, צו שטודירן דעם „אוניווערזיטעט" פון בריליאנט־האנדל, מיט זיינע פארשידענע שווינדלערייען וואס מען מוז באגיין סיי באונס און סיי ברצון.

מיט פערציק יאר צוריק, ווען איך בין אנגעקומען קיין אנטווערפן, האבן זיך געפונען אייניקע חשובע בני תורה, ווי הרב אולמאן, דער גרויסער חסיד, דער פילאנטראפ רב יצחק הירש און זיין ברודער מאקס ראצעסדארף, די ברידער משה און העשע גוטווירט, און מיינס א קרוב ר' חיים פונק ז"ל, וועלכער איז געווען א גרויסער בריליאנטן־סוחר.

איינמאל, זיצנדיק ביי מיין קרוב אין שטוב און דערציילנ־דיק אים, אז מיין קומען אהער קיין אנטווערפן איז, צו ווערן א דיאמאנט־שלייפער, האט ער מיך אפגערעדט פון דעם, און מיך צוגערעדט צו ווערן א סוחר פון די שווינדלענדיקע שטיינד־לעך. ס'האט נישט לאנג געדויערט און איך בין געווען א סוחר, און ארומגעפארן איבער פראנקרייך, דייטשלאנד און ענגלאנד, פארקויפנדיק די סחורות וואס פארשידענע סוחרים פלעגן מיר צושיקן.

דאס רעדל האט זיך אבער א דריי-געטאן. דער בליש-טשענדיקער מסחר האט זיך געטאן א טרייסל און אנגעהויבן פאלן בארג-אראפ, און מיט אים זיינען אויך מיטגעפאלן די גרויסע ווי די קליינע סוחרים און אויך איך בתוכם. די וועלט דארף היינט צו טאג ברויט און נישט קיין דיאמאנטן. און דאך, ביי דער גאנצער שלעכטער לאגע, קאן איך מיט א ריינעם געוויסן זאגן: כ׳בין צופרידן וואס איך בין נישט געווארן קיין רב בישראל. ווייל צוקוקנדיק זיך צום לעבן פון מיין פאטער דעם גרויסן, גרויסן יידן, דעם למדן, דעם כלל־טוער, און זעענ-דיק ווי ער איז זיין גאנץ לעבן גערודפט געווארן (ווי דער לעזער וועט עס שפעטער זען), בין איך צופרידן וואס איך האב מיר מיין לעבנס-וועג אויסגעקליבן א גאנץ אנדערן ווי צו זיין א רב, וועלכער האט נישט קיין מנוחה ביים לעבן און איבער הונדערט-צוואנציק יאר אודאי נישט.

אט דאס ווייטערדיקע, די ביאגראפיע פון מיין פאטער הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער, וועט זיין אן ענטפער צו אלע מיינע פריינט, וואס האלטן מיך אין איין פרעגן: פאר-וואס זייט איר געווארן א סוחר און נישט קיין רב?

דער פ א ר פ א ס ע ר.

קאפיטל 1

די משפחה פערעלמוטער

שרייבנדיק די זכרונות וועגן הרב אברהם צבי פערעל-מוטער, ווארשעווער ראש-בית-דין, דער וועלט-בארימטער רב, דער גרויסער עסקן במצוות און כלל-טוער, וועלכער האט זיך זיין גאנץ לעבן מוסר-נפש געווען סיי פארן רבים ווי פארן יחיד, וועל איך פרובירן געבן פאר דעם לעזער א קורצן איבערבליק איבער דער אפשטאמונג פון דער פאמיליע פערעלמוטער.

הרב פערעלמוטער שטאמט פון דעם גרויסן וועלט-גאון, דעם בריסקער רב, רב לייבעלע קאצעלענבויגען ז״ל, פונם מעזריטשער גאון ר׳ ליפעלע ז״ל, וועלכער איז געווארן ביאלי-סטאקער רב, פונם מינסקער גאון און אנדערע גדולי הדור. זיין זיידע איז געווען דער ראש-הישיבה פון דער צו יענער צייט בארימטער טשעכאנאווער ישיבה.

ווייט און ברייט איבער גאנץ פוילן האט געקלונגען דער נאמען טשעכאנאוו. ס׳איז נישט געווען קיין פאבריק-שטאט, אדער א גרויסער האנדלס-צענטער, וועלכער האט צו זיך גערופן די אויפמערקזאמקייט, ניין. טשעכאנאוו איז דעמאלט בארימט געווען צוליב איר ישיבה, און נאכמער צוליב איר ראש-הישיבה רבי משהלע פערעלמוטער, אדער, ווי מ׳האט אים גערופן: רבי משהלע טשעכאנאווער.

אליין א גרויסער ארימאן, האט ער נישט גענומען באצאלט פאר זיין אנפירן מיט דער ישיבה, נאר זיך מפרנס געווען פון דעם, וואס זיין ווייב פלעגט ארומפארן אויף די מערק און פאר-קויפן די פויערים אביסל שניט-סחורה. אט ביי די פרומע

מענשן איז געבוירן געווארן א זון, רבי אליעזר׳קע (דער פאטער פון הרב פערעלמוטער), וועלכער איז שפעטער באקאנט גע-ווארן אונטערן נאמען „אליעזרקע לאדזשער״.

רבי משהלע האט מיט זיין זון געלערנט, נישט אנטרויענ-דיק אים קיין שום מלמד, און באלד איז ער געווארן זיין בעס-טער תלמיד. זיין פאטער האט אנדערש נישט גערעכנט, אז פון זיין אליעזרקע וועט אויסוואקסן איינער פון די גרעסטע רבנים וגדולי הדור, ווייל אלס יינגל האט ער שוין געשמ׳ט פאר אן עילוי ומופלג בתורה.

רבי משהלע פערעלמוטער איז געווען א מתנגד. גע-שטאמט פון א מתנגדישער פאמיליע, (ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאנט געווארן, פונם בריסקער רב און מעזריטשער גאון). האט ער מורא געהאט זיין אליעזר׳קען צו לאזן ווייטער לערנען און אנטוויקלען זיך אין טשעכאנאוו, וואס איז געווען צו יענער צייט א פעסטונג פון חסידות, און באשלאסן בעסער אוועקשיקן זיין זון אין א ווייטער ישיבה, כדי ער זאל ח״ו נישט אראפגיין פונם מתנגדישן דרך.

אין א קורצער צייט ארום איז ר׳ אליעזר׳קע אנגעקומען אין דער ישיבה פונם מינסקער גאון, וועלכער איז געווען זיינס א קרוב. אויך דארטן, אין מינסק, איז רבי אליעזר׳קע אין א קורצער צייט ארום געווארן דער בעסטער תלמיד פון דער ישיבה. סיי מיט זיין תורה-לערנען און סיי מיט זיין התנהגות ביראת שמים.

אין דער מינסקער ישיבה

דער ראש הישיבה פון דעם מינסקער גאונס בית המדרש, איז געווען דער צו יענער צייט אין רוסלאנד בארימטער חזן-רב סענדער מירער. איינמאל, ווען דער מינסקער חזן איז אהיימגעגאנגען שפעט ביינאכט פון אן אסיפה, איז ער פאר-ביי־געגאנגען דעם בית המדרש, וועלכער איז געווען ארומגע-רינגלט פון מענשן, וואס האבן זיך צוגעהערט צו דעם מתיקות-דיקן לערנען פון א יונג יינגל. רב סענדער האט אויפגעמאכט די טיר צו זען ווער עס לערנט דארט; ווי נשתומם איז ער

געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז דער, וואָס לערנט אַזוי פֿלייסיק און זינגט אַזוי שיין, איז נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ אליעזרקע טשעכאַנאָווער, זיין בעסטער תלמיד.

ר׳ סענדער מירער איז צוגעפֿאַלן צו זיין תלמיד און אים פֿאָטערלעך געקושט פֿאַר זיין האַרציקן זינגען, און געבעטן אים, נישט אַזויפֿיל מאַטערן זיין שוואַכן גוף, נישט אויפֿזיין אַזוי שפּעט ביינאַכט. אָבער ר׳ אליעזר האָט ווייטער געלערנט זיין בלאַט גמרא, נישט זעענדיק ווי די גאַס אַרום בית המדרש איז פֿול פֿון מענטשן, וועלכע שטייען אינם גרויסן פֿראָסט און הערן זיך צו צום געזאַנג פֿון דעם יונגן עלוי, וועמענס האַרציק-קלינגענדיק אַלט-שטימעלע האָט זיך געגאָסן ווי אַ קוועלנדיק טייבעלע.

רב סענדער מירער האָט אָנגעווענדעט אַלע כּוחות און השתדלות ביים מינסקער גאון, אַז אליעזר׳קע זאָל וואוינען ביי אים אין שטוב. ער זאָל נישט דאַרפֿן אַרומגיין עסן „טעג" און שלאָפֿן אין בית המדרש, אָבער מיט איין באַדינג: אַז רב אליעזר זאָל ביי אים זינגען שבת אין שול.

— איר וועט זען — האָט רב סענדער מירער געזאָגט צום מינסקער גאון — אליעזר וועט אַרויסוואַקסן איינער פֿון די גרעסטע וועלט-חזנים, כאָטש ער וועט אויך קאָנען זיין אַ רב; אָבער די וועלט מוז הנאה האָבן פֿון רב אליעזר׳ס געזאַנג.

און רב סענדערס נביאה איז טאַקע אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער מקוים געוואָרן.

צו זעכצן יאָר האָט רבי אליעזר באַקומען היתר-הוראה, אַ מוסמך פֿון דעם מינסקער גאון, אַ כּתב פֿון ר׳ סענדערן, אַז ער וויל אים ביי זיין לעבן אָפּטרעטן דאָס מינסקער חזנות בתנאי, ער זאָל חתונה האָבן מיט זיינס אַ קרובה. רב אליעזר האָט צו דעם נישט געקאָנט מסכּים זיין, ווייל אינצווישן איז ער געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום. זיין פֿאָטער, רבי משהלע און זיין מוטער זיינען אין איין צייט געשטאָרבן.

נישט האָבנדיק וואָס צו טון אין מינסק, איז רבי אליעזר צוריקגעקומען קיין פּוילן, אַלס פּאַרטיקער רב. דאָ איז אים שווער געווען צו באַקומען אַ פּאָסטן אַלס רב, נאָר דערפֿאַר, ווייל די פּוילישע חסידים האָבן אויף אים קרום געקוקט. אמת

טאקע — האבן חסידים געטענה׳ט — און עלוי, אבער דאך א ליטוואק. בפרט אז ער איז א מתנגד בן מתנגד... האבן די חסידים אים דערפאר נישט צוגעלאזט, אז ער זאל ווערן ערגעץ א רב.

נישט האבנדיק וואס צו טון, האט ער באשלאסן אויסצונוצן זיין צווייטן טאלענט און איז געווארן א חזן.

קאפיטל 2

אליין א מתנגד, אבער די רביים זענען אים מקרב

א גאנץ קורצע צייט נאכדעם ווי ער איז געווארן א חזן, האט זיך איבער פוילן און ליטע אנגעהויבן ארומטראגן דער נאמען פון רב אליעזרקען, אלס איינער פון די גרעסטע וועלט-חזנים. מ'האט אים אנגערופן איינער פון די „צוויי שטערנס". געמיינט האט מען רב אליעזרן און ירוחם הקטן פון בער-דיטשעוו.

רב אליעזר האט געהאט א וואונדערבארן לירישן טענאר און געשפילט פידל. צו זיינס א דאווענען איז מען געקומען ווי להבדיל צו א קאנצערט. איך האב נאך געטראפן זקנים, וואס געדענקען רב אליעזרס דאווענען. דאס איז געווען — האבן זיי געזאגט — אזעלכעס און אזעלכעס. זיין ארט דאווענען, זיין ארט אויסטייטשן דאס דאווענען, איז נישט געווען צו באצאלן. און ווער שמועסט נאך, אז ס'פלעגט קומען א ראש השנה און יום כפור, דעמאלט פלעגן זיך מענשן אנפארן פון ווייטע מקומות כדי צו קאנען הערן רב אליעזרן דאווענען.

מענער און פרויען פלעגן חלשן ווען רב אליעזר פלעגט ראש השנה אנהויבן זאגן זיין „הנני עני ממעש". ס'איז געווען עפעס אזא פיעטשטשעדיק געוויין ווי פון א פויגעלע וואס איז פארטריבן געווארן פון זיין נעסט און קלאגט אויף זיין ביטערן גורל.

עס זיינען נאך דא היינט צו טאג חזנים, וואס זינגען זיינע קאמפאזיציעס, וועלכע געהערן צו דעם בעסטן חסידישן רע-פערטואר.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואס דער עולם האט געהאלטן פון רב אליעזרן און יעדע שטאט האט זיך געריסן אים צו האבן אלס חזן, האט דאך דער עולם געמורמלט: סטייטש, א חזן נישט קיין באווייבטער? א סך גרויסע גבירים האבן אים געוואלט האבן פאר אן איידעם. אבער רב אליעזר האט פון דעם נישט געוואלט הערן. ער האט זיך נישט געיאגט נאך קיין געלט, נאר נאך א יחוס-שידוך.

רב אליעזר האט חתונה און ווערט אויפגענומען אלס לאדזשער חזן

דאווענענדיק א שבת אינם שטעטל גאווראווע, איז רב אליעזר דארט פארקנסט געווארן פאר אן ארים מיידל פון א יחוסדיקער משפחה. באלד נאך זיין חתונה איז ער אויפגענו-מען געווארן אלס חזן אין דער שטאט לענטשיץ, און דארט האט אים זיין פרוי געבוירן פיר זין. אלע גדולים מפלגי תורה. דער עלטסטער, ר׳ משה, דער צווייטער, ר׳ אברהם צבי (דער ראדא-מער רב), דער דריטער, רב שמחה׳לע און דער פירטער רב יצחק׳ל. אלע פיר גערואטענע קינדער, מיט וואונדערבארע שטי-מען צום זינגען. פונדעסטוועגן האט רב אליעזר קיינמאל נישט צוגעלאזט, אז זיינע קינדער זאלן ווערן חזנים, נאר זיי געהאלטן ביי דער גמרא. דער עלטסטער זון משה האט אין די יונגע יארן דיקא געוואלט ווערן א סוחר; האט אים רב אליעזר געמאכט א ספרים-געשעפט. אויב שוין יא א סוחר, טא זאל-זשע זיין א סוחר פון גאטס-תורה. אבער אין די שפעטערע יארן איז ער געווארן ראש-בית-דין אין לאדזש. רב משה איז געוועזן א גאון און האט איבערגעלאזט פינף גרויסע חיבורים מיט שאלות ותשובות אויף גאנץ ש״ס ופוסקים, וואס ער האט מחבר געוועזן. דער דריטער זון איז געווארן ד ע ר ר א ד א מ ע ר ר ב. דער פירטער זון, יצחק׳ל, האט נישט געוואלט ווערן קיין רב,

אדער א סוחר. ער פלעגט טאג און נאכט זיצן און לערנען, און איז זייער יונג נסתלק געווארן טאקע זיצנדיק ביי דער גמרא.

א טאכטער האט רב אליעזר געהאט, גיטל האט זי גע-הייסן, אדער „די שיינהייט פון לאדזש" ווי מ'האט זי גערופן. האט חתונה געהאט פאר דעם בארימטן למדן ר' אברהם מאר-קאוויטש.ביידע זיינען יונגערהייט געשטארבן, איבערלאזנדיק ארימע יתומים צעזייטע און צעשפרייטע איבער דער וועלט.

אלס דער גרעסטער חזן אין פוילן, איז רב אליעזר אויפ-גענומען געווארן אין דער שטאט לאדזש, וואס איז צו יענער צייט געווען א סך קלענער ווי לענטשיץ. די שטאט האט זיך אבער געהאלטן אין בויען; יעדער טאג האט מיט זיך מיטגע-בראכט א פריש אויפגעבויטע פאבריק, יעדע וואך האט מיט זיך מיטגעבראכט פון אלע שטעט א סך יידישע פאמיליעס, וועלכע זיינען געקומען זוכן זייער גליק אין דער שטאט וואס האט זיך געבויט און געווארן מיט דער צייט די פוילישע מאנ-טשעסטער. ווי געזאגט, איז די שטאט לאדזש געוואקסן און אנגעהייבן באקומען א נאמען אויף דער וועלט, און מיט איר, אויך רב אליעזרקע.

די פוילישע יידן בכלל און די לאדזשער בפרט האבן אין זייער חזן דערזען נישט נאר איינעם וואס טויג בלויז צום „ברעטל", נאר ער איז אויך א ייד א למדן ומפלג בתורה, זיצט יום ולילה און לערנט מיט ארימע בחורים, וואס עס פאסט גיכער פאר רבנים און נישט פאר א חזן. אט דעמאלט האבן די חסידים, וועלכע זיינען געווען די פארביסנסטע קעגנער פון מתנגדים און ממילא אויך פונם לאדזשער שטאט-חזן, וועלכער איז געווען א מתנגד, אים אנגעהויבן מקרב צו זיין. און אין א קורצער צייט שפעטער האבן חסידים סיי פון פוילן און סיי פון גאליציע געזונגען רב אליעזרס ניגונים, און ער איז געווארן דער ליבלינג אין אלע חסידיש-רבנישע הויפן.

ווען דער אלטער קאצקער רבי זצ"ל האט חתונה געמאכט זיין טאכטער, האט ער געשיקט נאך רב אליעזרן און אים מכבד געווען צו זיין מסדר קידושין און צו זינגען ביים טיש.

אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואס ער איז אין קאצק, האט ער געבעטן דעם רבין, ער זאל דורכלייענען זיין ספר על פלפול

מיט דרוש צוזאמען. אבער ווי דערשטוינט איז רב אליעזר געווען ווען דער רבי האט אים צוריקגעגעבן דעם ספר, און ער האט אויפן שער-בלאט פונם ספר געפונען דעם קאצקער רבינס הסכמה.

קאפיטל 3

מ׳גנבעט ארוים דעם חזן

אלטע יידן געדענקען נאך די מעשה, ווי מ׳האט רב אלי-עזרן דעם לאדזשער שטאט-חזן ארויסגעגנבעט און אים אוועק-געפירט נאך צאנז. אפשר דערפאר קורסירט צווישן פאלק א ווערטל: „היט דעם חזן, מ׳זאל אים נישט ארויסגנבענען״.

געווען איז דאס אזוי:

רב אליעזר האט זיך, א חוץ מיט חזנות, אויך פארנומען מיט כלל-ארבעט. ער פלעגט לערנען מיט ארימע בחורים און פלעגט אויך פסקנען שאלות.

מאכט זיך אזא מעשה: איין שאלה, וואס איז געווען א זייער שווערע, האט ער מכשיר געווען און דער לאדזשער רב רב משהלע האט די זעלבע טריף געמאכט. האט זיך אנגעהויבן א ווערטער-אויסטויש צווישן דעם רב און דעם חזן און ס׳איז געווארן א מחלוקה. און רב אליעזר האט געטראכט פון פאר-לאזן לאדזש.

די צאנזער קהלה האט צו יענער צייט געזוכט א חזן און דוקא דעם לאדזשער. און געוואויר ווערנדיק, אז רב אליעזר האלט ביים אוועקפארן פון לאדזש, האבן זיי אים איינגעלאדן קיין צאנז צו ווערן זייער שטאט-חזן, מיט א גרעסערן געהאלט ווי אין לאדזש.

די לאדזשער קהלה, דערוויסנדיק זיך אז רב אליעזר טראכט צו פארלאזן זייער שטאט, האבן אים דערלייגט א גרעסערע הוספה. די צאנזער ווידער, נישט קאנענדיק נאכקו-

מען דעם צו הויכן פרייז, האבן באשלאסן פשוט רב אליעזרן ארויסצוגנבענען פון לאדזש. און כך הוה.

און א פארנאכט זיינען נישט ווייט פון רב אליעזרקעס וואוינונג צוגעפארן א פאר פורן. א פאר יידן זיינען אריינגע־קומען אין שטוב אריין און געבעטן רב אליעזרן מיט זיי מיט־פארן אין א נאענטן דארף אריין מסדר קדושין זיין אן ארימע כלה, א יתומה. רב אליעזר, נישט חושד זייענדיק קיין שום זאך, איז מיט די יידן מיטגעפארן. ווי דערשטוינט איז ער אבער געווארן, ווען די פורן האבן זיך אפגעשטעלט און ער האט דערזען אז ער געפינט זיך אין צאנז...

אבער די לאדזשער בעלי־בתים האבן אויך נישט געשוויגן. זיי האבן גלייך אוועקגעשיקט א שליח מיט א פרישן כתב־חזנות, געבנדיק אים א גאר הויכן פרייז. אבער דער חזן האט געענטפערט: נישט צוליב געלט־זאכן איז ער פון לאדזש אוועק. און אויב ער וועט זיך יא אמאל אומקערן קיין לאדזש, וויל ער נישט קיין גרעסערן געהאלט ווי ער האט גענומען, נאר ער וויל געךעכטיקייט פונם לאדזשער רב.

דער זעלבער רב ר׳ משהלע איז געווען געצוווּנגען צו שרייבן א בריוו צום חזן, אים מפייס געווען און געבעטן בשם כל הקהלה, ער זאל צוריקקומען און ווייטער זיין דער שליח צבור כמקדם. מיט דעם בריוו זיינען צום חזן געפארן די שענסטע לאדזשער בעלי־הבתים, ווי ר׳ יעקב פרענקעל אדער ווי מען האט אים גערופן, ר׳ יעקב „דער ענגלענדער"; ר׳ אברהם משה פרוסאק, איינער א זאלצמאן און ר׳ מרדכי גבאי וועלכע האבן קוים געפועלט ביי אים צוריק אנצונעמען די חזנות־שטעלע.

ווען ר׳ אליעזר איז אפגעפארן פון צאנז, האט אים בא־גלייט די גאנצע שטאט. ווען ער האט זיך געזעגנט מיט דעם הייליקן צאנזער, דעם דברי חיים זצ"ל, האט אים דער רבי געזאגט: — איר רב אליעזרקע חזן, איר האט באשיינט מיינע שבת־יום־טובדיקע טישן מיט אייערע הארציקע זמירות, פונקט אזוי ווי די לויים האבן באשיינט דעם בית המקדש. דערפאר ווינטש איך אייך, אז אייערע קינדער זאלן זיין מופלגי תורה. און די ברכה איז טאקע מקוים געווארן.

דאס צוריקקומען פון רב אליעזרן איז אין לאדזש פאר־וואנדלט געווארן אין א יום־טוב. הונדערטער יידן זיינען אקעגן געפארן נאך פיעטרקאוו מקבל־פנים זיין דעם ליבן חזן, כדי אים מיט כבוד אריינברענגען אין שטאט אריין. פון אלע שיכטן זיינען יידן געקומען אפגעבן שלום עליכם דעם גאסט. און אין א פאר טעג שפעטער האט מען לכבוד דעם חזן געמאכט א גרויסע סעודה.

רב אליעזר איז געווען אן ערך 60 יאר חזן אין לאדזש און איז געשטארבן אין עלטער פון 86 יאר, איבערלאזנדיק נאך זיך א שם טוב.

אזוי האט געלעבט און איז געשטארבן איינער פון די גרוי־סע וועלט־חזנים, רב אליעזרקע פערעלמוטער, אדער ווי מ׳האט אים גערופן — רב אליעזרקע חזן.

אט דער קליינער ארייננפיר, אט די קליינע לעבנס־באשריי־בונג פונם לאדזשער חזן, איז געווען א נויטווענדיקייט פאר דעם בוך, בכדי ס׳זאל פארן לעזער קלאר זיין אין וועלכער אט־מאספערע ס׳האט געלעבט דער גרויסער תלמיד־חכם, דער גאון הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער, אדער ווי מ׳האט אים גערופן, דער ראדאמער רב, וועמענס ביאגראפיע מיר וועלן דא ווייטער איבערגעבן.

צו זיין 5־טן יארצייט האט ה׳ ח. פ. אין לאדזשער „פאלקסבלאט״ פארעפנטלעכט פאלגנדעס וועגן דעם גרויסן ר׳ אליעזרקע חזן:

„ר׳ אליעזר פערלמוטער ז״ל, דער לאדזשער חזן, אדער ווי מען האט אים גערופן: ר׳ לייזערקע חזן, איז, אמת, קיין „חסיד״, אין פאפולערן זין פונם ווארט, נישט געווען. ער איז צו קיין רבי׳ן נישט געפארן. אבער עס האט טיילמאל געטראפן, אז רבי׳ס און רבנים זיינען צו אים געקומען, האבן געוואלט מיט אים זיך באקענען.

״עס האבן ר׳ לייזערקען געשעצט און נוהג־כבוד־געווען אלע גדולי־הדור פון זיין צייט, די גרעסטע רבנים און רביים פון יענער חסידישער גלאנץ־עפאכע האבן מיט פולן רעספעקט און אנערקענונג געשריבן „הסכמות״ צום ספר „אבן משה״, וועלבן ר׳ לייזערקע ז״ל האט זיי אונטערגעטראגן אלס א ספר,

וואס איז כלומרשט געווארן פארפאסט דורך זיין פארשטאר-בענעם פאטער ז"ל. אבער עס זעט אויס, אז זיי, די גדולי-הדור האבן בײַ זיך געוווסט, אדער געפילט, דעם פארשטעלטן אמת, אז נישט קיין אנדערער ווי ר׳ לייזערקע אליין איז דער מחבר פונם ספר.

"פאסירט האט דאס, וואס ווערט ווייטער דערציילט, אין דער צייט, ווען ר׳ לייזערקע איז געווען חזן אין צאנז, ווו עס האט געפירט דער גרויסער רבי און גאון ר׳ חיים ז"ל, ווו עס פלעגן זיך צונויפקומען צווישן די פיל חסידים, אויך אייניקע, וועלכע זיינען מיט דער צייט אליין געווארן רביים. זיצט אמאל ר׳ לייזערקע ביי זיין טיש, ביי דער שבתדיקער סעודה, זינגט זיך בנעומותדיק א זמרל פון שבת. פלוצלונג זעט ער דורכן פענסטער, ווי עס דערנענטערט זיך אין דער ריכטונג פון זיין שטוב א גרייסע עדה יידן, שטופן זיך ארום אזא פערזאן, וועל-כער שפרייזט פארויס, נאך אים די גאנצע מחנה חסידים. עס האט נישט לאנג געדויערט ווי די טיר האט זיך געעפנט און עס איז אריינגעקומען דער באוווסטער צדיק און שפעטערדי-קער גאסטינינער רבי ר׳ יחיאל מאיר ז"ל, צוזאמען מיט זיין גאנצער סוויטע. ווען ר׳ לייזערקע האט אויסגעדריקט זיין דערשטוינונג אויף דעם, לויט זיין מיינונג, נישט פארדינטן כבוד, וואס ווערט אים צוגעטיילט דורך דעם דאזיקן וויזיט, האט ר׳ יחיאל מאיר ז"ל אזוי געזאגט: ר׳ לייזערקע, אויב קיינער טוט נישט צו אייך „פארן", מעגן דאך יידן לכל הפחות ג י י ן צו אייך, איר פארדינט עס בנאמנות. איך וויים, אפשר איז אייער עבודה נישט ווייניקער אנגענומען ביים בורא, ווי יענע גרויסע עבודה פונם כהן-גדול אין בית-המקדש, און אפשר קאן אן ערלעכער חזן צוטיילן „יראת-שמים" מער ווי דער גרעסטער רבי? איך קאן אייך, ר׳ לייזער, נאר זאגן, אז אייער הארציק און מעכטיק נשמה-געזאנג, היינט אין שול ביי המחזיר שכינתו לציון, האט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק ווי איך וואלט אט אין דעם דאזיקן מאמענט געווען אינם הייליקן ציון!..."

"דער ראדאמסקער רבי, דער גאון ר׳ שלמה ז"ל, מחבר פונם ספר „תפארת שלמה", וועלכער איז אויך געווען פון די

צאנזער „פארערס", האט פיל מאל זיצנדיק ביים טיש אין דער סביבה פון זיינע חסידים, דערציילט פיל שבחים וועגן ר' לייזערקען, פון זיין גרויס לומדות, זיין אמת-ערלעכקייט און זיין זינגען. ביים ראדאמסקער „טיש" פלעגט מען זינגען דורכויס נאר ר' לייזערקעס ניגונים — וועגן וועלכע דער רבי האט זיך אויסגעדריקט אז זיי קומען פון עולם-הניגון — וועלכע עס פלעגן מיטפירן מיט זיך די צוגעפארענע לאדזשער יידן.

„עס איז נאך ביז איצט פארבליבן ביי פיל מנגנים דער זייער פאפולערער ניגון אויפן זמר „איש-חסיד" פון שבת-צו-נאכטס, וועלכן ר' לייזערקע ז"ל האט פארפאסט אין צאנז. דער צאנזער רבי ז"ל איז געווען געוואלטיק נתפעל פון אט דעם ניגון, וועלכן ער האט געהאלפן מיטזינגען מיט א געוואלטיקער התלהבות, ארומהאלזנדיק ר' לייזערקען בעתן זינגען.

רב אליעזר חזן דער בעל־צדקה

„ווי הלל הזקן אין זיין צייט, אזוי האט אויך ר' לייזערקע געווען דעם סימבאל פון דער גאנצער תורה אינם „ואהבת לרעך כמוך". ער האט דאס טאקע מקיים געווען מיטן פולן הארצן. טעג ווי נעכט האט ער געאפפערט בכדי צו ערטיילן הילף און שטיצע יעדן ווער עס נויטיקט זיך דערין.

„אט וואס עס שרייבט וועגן אים דער לינטשיצער רב ז"ל:

„דער כבוד הרבני... (דא קומט א גרויסער טיטול) אליעזר נ"י, דער מיט פיינע מידות און געזאנגען, לאדזשער חזן, דער טייערער מענש, איז אויך געווען אמאל היגער חזן. דער האט זיך אפגעגעבן מיט צדקות און נדבות, פונם ביסן ברויט פון זיין מויל אוועק, האט ער געשאנקען דעם ארימאן, מיט זיין לייב און זעעל האט ער געשטיצט דעם ארימען מענש.

„אינם זעלבן זין שרייבן אויך די אלעקסאנדערער און אזארקאווער רבנים.

„ר' לייזערקעס זון, דער מורה-הוראה ר' משה פערל-מוטער ז"ל, שרייבט אין דער הקדמה צום פאטערס ספר צווישן אנדערן אזוי:

„און אזוי אויך האט ער זיך געפירט ביי זיינע צדקה-

וואוילטאטן. אומדערמידלעך אין באצוג צו אריטע לייט, פאר וועלכע ער איז זיין גאנץ לעבן געווען ווי א בארמהארציקער פאטער. אלץ האט ער געטאן באהאלטענערהייט. ס׳איז דא אויך ווערט צו דערמאנען צום לויב מיין חשובע מאמע, וועלכע מען קאן נישט אפשילדערן מיט א מענשלעכער פעדער, וואס זי האט זיך אלץ אנגעליטן פון די מאסן ארימעלייט, וועלכע דער טאטע פלעגט ברענגען אין שטוב אריין אויף צו געבן זיי עסן, טרינקען און נאכטלעגער. איך פלעג אמאל אהין קומען אין א שבתדיקן טאג. איך האב געזען ווי ארום טאטנס טיש זיצן פיל ארימעלייט, דער טאטע זיצט צווישן זיי כמלך בגדוד, און מען עסט ברויט מיט פיש, פריילעך לכבוד שבת. צופיל דרייסט בין איך דעמאלט געווען, איך האב ביים טאטן געפרעגט: איז עס ריכטיק, אוועקצוגעבן איבערן יכולת? — ער מיט זיין גרויס עניוות האט מיר דעמאלט גארנישט געענטפערט. אבער פאר זיין פטירה האט ער מיר געזאגט, אז עס איז גלייך איך זאל ביי אים בעטן מחילה פאר מיין אמאליקער פראגע. אזוי האב איך געטאן...״

״האט דעריבער זיין שטוב אויסגעזען, יעדן שבת און יום-טוב און אמאל אויך אין א וואכנטאג, ווי אן אכסניה פון אורחים, און האט א בכבודיקער ייד נישט געהאט אום ווינטער קיין ווארימען בגד, האט ר׳ לייזערקע פון זיך אראפגענומען זיין בגד, אמאל אויך דאס העמד, וואס ער האט פאר זיך מיטגענומען אין מרחץ אריין איבערצוטון לכבוד שבת. ביי אזא פאל האט ער פארבויגן אויף זיינע הייליקסטע פרינציפן (צוליב שלום-בית), האט ער דעם ווייב געזאגט א ליגן, אז „ס׳איז פון אים געווארן געגנבעט״. האט אבער אמאל פאסירט א מעשה: ר׳ לייזערקע האט אוועקגעשענקט א יידן זיין שלאפראק, אן אויסגעהאפטענער מיט קאלירטע בלומען. אזוי ווי דער זעלבער ייד איז ווידער אמאל אין א צייט ארום געקומען צו ר׳ לייזערקען אין שטוב, האט ער פארשאפט, אומשולדיקערהייט, גרויס עגמת-נפש ר׳ לייזערקען, ווייל זיין ווייב האט דערקענט דעם „גנב״. ערשט איצט האט ר׳ לייזערקע זיך געמוזט מודה זיין פארן ווייב...

„ס׳האט דערציילט א באגלייבטער מענש אזא מעשה: אים איז אמאל אויסגעקומען אין א פרייטיק צו גיין צוזאמען מיט ר׳ לייזערקען, גייענדיק אהיים פון מרחץ. איז אים עפעס געווארן חידושדיק דאס, וואס ר׳ לייזערקע גייט זייער לאנגזאם, איינהאלטנדיק די טריט, די הענט האלט ער צו ביי ד׳ פאלעס פון בגד. האט דער ייד זיך גוט איינגעקוקט און באמערקט, ווי עס ווייסלט זיך אפויר א שטיקל העמד... ר׳ לייזערקע איז נעמלעך אזויערנאך געגאנגען די גאנצע שטרע-קע ביז אהיים אן הויזן, ווען ער האט אין מרחץ אוועקגע-געבן א בכבודיקן ייד.

„אמאל איז געקומען צו ר׳ לייזערקען זיינער א באקאנטער ייד א למדן און זיך פאר אים פארטרויט, אז ער גייט אויס פון הונגער. ער האט אפילו א זון א גרויסן גביר, יענער איז אבער קארג און שלעכט, דערצו אויך א פראסטאק און וויל נישט דעם פאטער מפרנס זיין. ער איז דאך געווען ביי זיך זיכער, אז זיין בכבודיקער פאטער וועט נישט גיין אים פאר קיינעם פאר-מסרן... איז ר׳ לייזערקע אוועק צום קארגן גביר און אים גע-פרעגט: האט איר צו מיר צוטרוי? — ענטפערט דער גביר: יא, חזן. פרעגט ווידער ר׳ לייזערקע: איר ווילט האבן אריכת-ימים? — ענטפערט דער גביר: אודאי! דערציילט אים ר׳ לייזערקע א מעשה: היות ער האט א באקאנטן בכבודיקן ייד, א למדן, וועלכן ס׳איז א מצוה צו דערהאלטן ביים לעבן, בכן, אויב ער, דער גביר, קאן זיך מתחייב זיין אויסצאלן אים, ר׳ לייזערקען אין דער האנט אריין יעדער וואך א געוויסע סומע, וואס ער אליין וועט שוין באזארגן צום ייד, זאגט ער אים צו אריכת ימים.

„און אזוי האט ר׳ לייזערקע „אויסגענארט" געלט אויף היונה פונם קארגן זון פאר זיין ארימען פאטער אין משך פון א לאנגער צייט, ביז דער אלטער פאטער איז געשטארבן. דע-מאלט איז ר׳ לייזערקע געגאנגען צום זון מנחם-אבל זיין און האט אים אזוי געזאגט: „איצט ברויך איך מער נישט פון אייך דאס וואכנגעלט. מיין ייד לעבט שוין נישט מער..."

„ר׳ לייזערקע חזן ז״ל איז נפטר געווארן אום כ״א טבת

תרמ״ז, אין עלטער פון 86 יאר. ער האט איבערגעלאזט פיר זין (אויך א טאכטער). דער עלטסטער זון הרב משה פערל-מוטער ז״ל איז געווען מוראה (דיין) אין לאדזש, האט מחבר געווען עטלעכע ספרים („יד משה״, חמדת משה״). איז נפטר געווארן אין יאר תר״פ. דער צווייטער זון, הרב ר׳ אברהם צבי ז״ל, איז געווען רב אין פארשידענע קהלות אין פוילן, דערנאך עלטסטער רב אין ווארשע, איז געווען דעפוטאט אינם ערשטן פוילישן סיים, האט אויך מחבר געווען עטלעכע ספרים („דמ-שק אליעזר״, „ארץ צבי״). ער איז נפטר געווארן אין יאר תר״צ. דער דריטער זון הרב ר׳ אריה שמחה ז״ל האט ממלא מקום געווען דעם פאטער אלס לאדזשער חזן, דעם אמט וועלכן ער האט פארנומען א צייט פון 37 יאר; ער איז אויך געווען א למדן און אן ערלעכער ייד, איז געווען געשעצט ביי דער לאדזשער יידישער באפעלקערונג, איז נפטר געווארן כ״ז שבט תרפ״ד אין עלטער פון 75 יאר. דער פירטער זון הרב ר׳ יצחק ז״ל, האט געוואוינט אין פשייטש, איז אויך געווען א גדול בתורה, ער איז יונג נפטר געווארן, ביי זיין פערציקסטן לעבנס-יאר, אין תרנ״ו.

קאפיטל 4

הרב פערלמוטערס יוגענט

אין דער שטאט לענטשיץ, ווו ר׳ אליעזר איז געווען חזן, איז הרב ר׳ אברהם צבי פערלמוטער געבוירן געווארן. זיין קינדהייט איז געווען פונקט אזא ווי ביי אלע קינדער פון זיין דור, אבער מיט גרויסע אויסנאמען. צו צוויי און א האלב יאר האט ער שוין געקענט דעם אלף-בית. צו דריי יאר אנגעהויבן גיין אין חדר אריין. צו פיר יאר האט ער שוין געלערנט חומש. און טאקע אויף דער חומש-סעודה האט ער זיך ארויסגעוויזן פאר א וואונדערקינד.

ווי דער מנהג איז, זאגט יעדעס קינד וואס הויבט אן חומש, א דרשה. אויך ר׳ אברהם צבי פערלמוטער האט א דרשה געזאגט. ווי דערשטוינט זיינען אבער די אנוועזנדע געווארן, ווען זיי האבן געהערט די פלאם-פייערדיקע דרשה פון דעם קליינעם פיר-יאריקן קינד.

מ׳דערציילט, אז דער לענטשיצער גאון רב חיים אורבאך זצ״ל, וועלכער איז אנוועזנד געווען אויף דער חומש-סעודה און געהערט די דרשה פון דעם פיר-יאריקן בעל שמחה, האט זיך אנגערופן צו זיין פאטער: חזן רבי אליעזר, דאס קינד וועט ארויסוואקסן א גדול בישראל.

צו זיבן יאר האט ער שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, אזוי, אז ביי צוועלף יאר זיינען פאר אים אין לענטשיץ קיין מלמדים מער נישט געווען. און ס׳איז געבליבן, אז דער צוועלף-יאריקער אברהם זאל פארן אין דער צו יענער צייט בארימטער פולטוסקער ישיבה, וועלכע איז געשטאנען אונטער דער גייס-

טיקער אנפירערשאפט פונם פולטוסקער רב, ר' יהושיעלע קוטנער זצ"ל.

ס'וועט אינטערעסאנט זיין איבערצוגעבן דאס אנקומען פון ר' אברהם צבי פּערעלמוטער אין דער ישיבה, ווייל דאס שפּיגלט אפּ א שטיק לעבן פון דער פארגאנגענהייט, וואס איז פארן היינטיקן דור אפשר אינגאנצן אומבאקאנט.

ווען דער קליינער אברהמעלע האט זיך געזעגנט מיט זיין פאטער, האט ער אים געבעטן מיטגעבן א בריוו צום ראש הישיבה. אבער זיין פאטער האט נישט געוואלט. דו אליין — האט ער זיך געזעגנענדיק געזאגט צו זיין זון — די אליין ביזט דער בריוו. אז דו וועסט זאגן וואס דו האסט געלערנט, און דעם פולטוסקער רב וועט עס געפעלן, וועט ער דיך אריינ-נעמען אין דער ישיבה. טאמער הלילה וועט דיין לערנען נישט געפעלן, וועט מיין בריוו אויך נישט העלפן.

מיט א שווער הארץ איז דער צוועלף-יאריקער מתמיד אנגעקומען קיין פולטוסק. ווען ער האט געזאגט די ישיבה-בחורים, אז ער וויל זיך זען מיט ר' יהושיעלע קוטנער, אז ער זאל אים אריינגעמען אין דער ישיבה, האבן זיי פון אים גע-לאכט: קוק אן ווער ס'וויל אין דער ישיבה לערנען — האט איינער צום צווייטן געזאגט. — נו, און חומש קענסטו שוין?

אבער דער צוועלף-יאריקער תורה-זוכער איז נישט געפאלן פון מוט. ער האט אפּגעווארט אויף דער פּאסיקער געלעגנהייט און איז אריין צו ר' יהושיעלע קוטנער אין שטוב, און אים שלום אפּגעגעבן.

— וואס פארלאנגסטו, יינגעלע? — האט דער רב גע-פרעגט.

— רבי, איך בין געקומען צו אייך לערנען תורה!

— דו, אזא קליין קינד? — האט דער רב געפרעגט. — ווער ביסטו, פונוואנען קומסטו און ווער זיינען דיינע עלטערן?

— רבי, — האט ר' אברהם צבי פּערעלמוטער געענט-פערט — איך וועל אייך נישט פריער זאגן ווער איך בין, ביז איר וועט מיך נישט פארהערן אין לערנען. טאמער קען איך נישט, ווייל איך נישט מבייש זיין מיין פאטער.

דער רב איז איבערראשט געווארן פון דער דרייסטער

האלטונג פונם צוועלף-יאריקן קינד. — אבער דו דארפסט דאך פארשטיין, — האט דער רב וויטער געזאגט — ביי מיר אין ישיבה לערנען צוואנציק-יאריקע בחורים, און דו? אפשר איז מעגלעך, אז דו זאלסט נאך א יאר-צוויי לערנען ביי אנדערע און דאן קומען צו מיר.

— ניין. — האט געענטפערט ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער — נאר ביי אייך. אדרבא, פארהערט מיר, און איר וועט זען צי קען איך גאטס תורה צי ניין. און נישט ווארטנדיק אויף קיין ענטפער פונם רב, האט ער אנגעהויבן זאגן אויף אויסנווייניק א שיטה פון גמרא כתובות מיטן תוספות, ריף, רן וראש, צוגעבנדיק זיינע אייגענע חידושים, וואס ער אליין האט מחדש געווען.

ווען ער האט געענדיקט די שיטה, איז ר׳ יהושיעלע ארויפגעפאלן אויף דעם מאגערן גוף פון דעם קליינעם מתמיד און צודריקנדיק אים צו זיך פאר שמחה געוויינט. —יא, מיין קינד, דו וועסט מיין תלמיד זיין — האט דער רב געזאגט. פארנאכט האט דער רב אים פארגעשטעלט פאר דער גאנצער ישיבה בזה הלשון: — איך פריי מיך צו האבן אזא יונגן תלמיד אין מיין ישיבה. און צו זיין פאטער האט ער א בריוו געשריבן: אשרי יולדתו. וואויל איז צו אייך, וואס איר האט זוכה געווען אזא קינד צו האבן.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואס ער איז צוועלף יאר אלט געווען, האט ער אין א גאנץ קורצער צייט איבערגעיאגט אלע זיינע חברים, די ישיבה-בחורים. אזוי, אז ווען ער איז אלט געווארן פערצן יאר, האט אים רב יהושיעלע געגעבן סמיכות-הרבנות, שרייבנדיק אין דער היתר-הוראה, אז רבנים כמותו ירבו בישראל און אז ער, דער 14-יאריקער אברהם צבי פערעלמוטער, מעג זיין א רב אין די גרעסטע וועלט-שטעט.

באקומענדיק היתר-הוראה, פארט דער יונגער רב אברהם צבי אהיים, און זעצט זיך אויפסניי לערנען, סיי פאר זיך אליין און סיי ביי אנדערע גאונים, ווי דער הייליקער צדיק, דער צאנזער רבי, דער דברי חיים, ביי דעם גרויסן גאון ר׳ שמעון

סופר, דער קראקעווער רב,ביים טשעכאנאווער רבי׳ן רבי אב-רהמעלע, און צולעצט בייםווארשעווער רב, רבי בעריש מייזעל.

זייענדיק אין ווארשע, האט ער אפילו נישט געחלומט, אז ער וועט אמאל ווערן ווארשעווער ראש בית-דין. דאך האט ער, אלס 17-יאריקער בחור, שוין גענומען א שטיקל אנטייל אין די כשרות-פראגן. און אפשר איז דאס געווען דער ערשטער שטאפל פאר זיין ווייטערדיקער רבנישער קאריערע, וואס האט אים דערפירט צו זיין דאס, וואס ער איז געווען. יעדנפאלס, דער פאקט בלייבט פאקט.

לערנענדיק ביים ווארשעווער רב ר׳ בעריש מייזעל זצ״ל, פלעגט ער אים בעטן אים ארויסהעלפן אין געוויסע פונקציעס, ווי דאס באזוכן דאס ווארשעווער שעכט-הויז, און בודק זיין די חלפים פון די שוחטים, צי זיינען זיי כדין. ווען רב בעריש מייזעל איז געווען פארנומען און מ׳פלעגט קומען פרעגן א שאלה, פלעגט ער זיי פסקענען.

צו זיבעצן יאר האט רב אברהם חתונה געהאט מיט ר׳ אלישע ערשטער׳ס שיינער און געבילדעטער טאכטער פון שעראדז, וועלכע איז אלט געווען זעכצן יאר, באקומענדיק א גרויסן נדן און אייביקע קעסט. אבער נישט לאנג האט אנגע-האלטן דאס גליק פון דעם יונגן פארל. דאס זעלבע יאר נאך זייער חתונה איז אויסגעבראכן די פוילישע „פאווסטאניע״ ר׳ אלישע איז פארארימט געווארן און געשטארבן, אזוי, אז אנ-שטאט ירושה מיט אייביקע קעסט, האט נאך ר׳ אברהם צבי געמוזט פאר זיין שווער באצאלן קבורה-געלט...

דורך די אלע אומשטענדן, איז הרב אברהם צבי פערעל-מוטער געווען געצוואונגען אנצונעמען א רבנות-שטעלע און איז געווארן צו אכצן יאר רב אין א קליין שטעטל, בוזעניו, וואס איז באשטאנען פון פערציק יידישע פאמיליעס, געבנדיק אים א כתב-רבנות מיט א וועכנטלעכן געהאלט פון דריי רובל. צו יענער צייט איז אזא סומע פון דריי רובל געווען גאנץ גענוג אויסצוקומען מיט א פאמיליע, ווען נישט —

די ישיבה וואס הרב פערעלמוטער האט געגרינדעט

די ישיבה וואס הרב פערעלמוטער האט געגרינדעט און האט נאך געמוזט א טייל פון די ארימע בחורים אונטער-שטיצן; ווייל די פערציק יידישע פאמיליעס זיינען נישט בכוח געווען אויסצוהאלטן די גרויסע צאל פון דער פרעמד אנגע-פארענע ישיבה'ניקעס, און הרב פערעלמוטער האט פון זיינע שכירות געמוזט צושטייער געבן, אזוי, אז אים מיט זיין פאמי-ליע איז גאר ווייניק געבליבן פון זיין געהאלט, און ער האט געלעבט אין שטארקער ארימקייט.

די אלע וואס האבן געקענט הרב פערעלמוטער און האבן געוואוסט ווי אזוי ער פירט זיך, האבן געשטוינט און זיך אליין געפרעגט, ווי אזוי איז מעגלעך, אז א מענש זאל אזויפיל אר-בעטן? זיין סדר היום איז געווען, סיי זומער און סיי ווינטער, אויפשטיין פיר אזייגער פארטאג און זיך זעצן לערנען, (ווען ער האט געפירט ישיבות, פלעגט ער שוין פיר פארטאג לער-נען מיט די בחורים) ביז זיבן אינדערפרי. געדאווענט. עפעס טועם געווען און, איינגעהילט אין טלית, ווייטער געלערנט, ביז אזייגער 10. דעמאלט פלעגן אנקומען זיינע תלמידים און ער פלעגט פאר זיי זאגן זיין שיעור ביז 3 נאכמיטאג. ווען די בחורים פלעגן נאכמיטאג איבערחזרן דעם שיעור, פלעגט ער זיצן אין זיין חדר מיוחד און לערנען ביז מנחה-צייט. בין מנחה למעריב פלעגט ער לערנען מיט א גרויסן עולם יידן דעם מגן אברהם אדער עין יעקב. אהיימקומענדיק, פלעגט ער ערשט אויפסניי לערנען ביז ארום צוועלף ביינאכט.

אזוי האט זיך דער גרויסער גאון הרב פערעלמוטער נוהג געווען, ווען ער איז געווען רב אין קלענערע שטעט, ווו ער האט געפירט ישיבות. אבער ווען ער איז געווען רב אין ראדאם אדער אין ווארשע, ווו ער האט קיין ישיבות נישט געפירט, האט ער די צייט אפגעגעבן פאר געזעלשאפטלעכע ארבעט. אבער זיינע טאג-טעגלעכע שיעורים האט ער קיינמאל נישט פארפעלט.

קאפיטל 5

די ערשטע דין תורה און דאס פארהיטן א שטעטל פון א פאגראם

געווען איז עס א פאר חדשים שפעטער, נאכדעם ווי הרב פערעלמוטער איז געווארן בוזענינער רב. אין א יריד-טאג, ווען פויערים פון דער אומגעגנט קומען אנצופארן כדי צו פארקויפן זייערע פראדוקטן און איינקויפן פארשידענע סחורות פאר זייערטוועגן, האט א יידישן גנב זיך פארגלוסט ביי א פויער ארויסצוגנבענען עטלעכע צוואנציק רובל. אבער דער גנב אליין האט פון זיין גנבה קיין הנאה נישט געהאט. א צווייטער קעשענע-גנב האט ביים ערשטן דאס געלט ארויסגעגנבעט. האבנדיק זיך שוין צעשלאגן איבער דער גנבה ביז בלוט, איז ביי זיי געבליבן, אריינגיין צום רב. און וואס דער רב וועט פסקענען, אזוי וועט מען טון.

דער פויער האט זיך אבער געכאפט, אז יידישע גנבים האבן זיך געדרייט ארום זיין פורל און געמאכט א געוואלט, אז יידן האבן אים באגנבעט. פויערים האבן זיך גענומען טשעפען צו די יידישע סוחרים, זיי זאלן ארויסגעבן די גנבים, אדער באצאלן דעם שאדן וואס דער באגנבעטער פויער האט געהאט. יידישע קרעמער האבן אויס מורא אנגעהויבן איינפאקן זייערע סחורות און אוועק פונם מארק, דערציילנדיק אין שטעטל, אז פויערים שלאגן די יידן.

דער וואיט, דערהערנדיק וואס אויפן מארק טוט זיך, איז אוועק צו הרב פערעלמוטער, ער זאל פועלן, אז די יידן זאלן

ר׳ אליעזר׳קע, לאדזשער חזן, דער פאטער פון הרב פערעלמוטער

אפגעבן דאס געלט, אדער ארויסגעבן דעם גנב, וועלכן דער צעהיצטער עולם וואלט זיכער געלינטשט.

ווען דער וואיט איז אריינגעקומען צום רב און דערציילט אין וואס עס האנדלט זיך, האט ער דעם וואיט בארואיקט און אנגעוויזן אויף די צוויי גנבים: — איר זעט, ה׳ וואיט, אט די צוויי יידן האבן לעבן א פויערישער פור געפונען א סומע געלט, און דאס געבראכט צו מיר, איך זאל עס אפגעבן צו דעם, ווער עס האט עס פארלוירן. ביטע, ה׳ וואיט, זייט אזוי גוט און נעמט ביי די יידן דאס געלט און גיט עס אפ דעם געליטענעם.

בלית ברירה האבן די גנבים געמוזט אפגעבן דאס געלט, און אזוי ארום איז דאס גאנצע שטעטל ניצול געווארן פון א פאגראם.

דער יונגער רב פערעלמוטער האט אנגעהויבן בארימט צו ווערן. פון איבעראל האט מען זיך צו אים געווענדעט, צי וואלט ער נישט געוואלט אננעמען אין דער אדער אין יענער שטאט דאס רבנות. און מערקווירדיק. זיין פאטער ר׳ אליעזרן האבן די חסידים נישט געוואלט צולאזן צו קיין שום רבנישן פאסטן, און דוקא דעם זון זיינעם, ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער, האבן די חסידים געוואלט פאר א רב אין זייערע שטעט. אויב איבעראל פלעגן חסידים און מתנגדים פירן צווישן זיך א קאמף ארום דער קאנדידאטור פון א רב, פלעגן זיי אבער איבעראל מסכים זיין מיט דעם קאנדידאט פערעלמוטער. ווייל ער האט אין זיך פארקערפערט תורה און ירא שמים — דאס וואס סיי חסידים און סיי מתנגדים האבן געזוכט.

די שרפה. אלס רב אין ראטשוינז, די מחלוקה צוליבן לערנען רוסיש

א קורצע צייט שפעטער, ווערט הרב פערעלמוטער אויפגענומען אלס רב אין אשענטשין ביי וולאצלאוועק, מיט א שכירות פון פיר רובל א וואך. אבער נישט באשערט געווען פאר דעם גרויסן מענטשן צו האבן אביסל מנוחה אין זיין לעבן. אין א פרייטיק-צונאכטס איז אויסגעבראכן א שרפה אינם הויז פון

הרב פּערעלמוטער און דאָס פּייער האָט פאַרשלונגען זיין גאַנץ האָב-און-גוטס. א חוץ די שטוב-זאַכן, קליידער א. א. איז אויך פאַרברענט געוואָרן זיין ווערטפולע ביבליאָטעק און די מאַנו-סקריפּטן פון זיינע אָנגעשריבענע ווערק, וועלכע ער האָט גע-וואָלט פאַרעפנטלעכן.

ווי זאָגט די וועלט א ווערטל: נאָך א שרפה ווערט מען רייך. אין געוויסע הינזיכטן איז דאָס אמת. באַלד נאָך דער שרפה איז הרב פּערעלמוטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין ראַטשיינז, מיט א געהאַלט פון א כ ט רובל א וואָך. די שטאָט, וויסנדיק אַז די פאַמיליע פונם נייעם רב איז פון דער שרפה געבליבן אָדם-נאַקעט, האָבן זיי אָפּגעדונגען א שיין הויז, אויסמעבלירט די צימערן, איינגעקויפט א נייע ווירטשאַפט, און פאַר דער פאַמיליע איינגעקויפט פון די טייערסטע זאַכן. דערוויל איז דער ווינטער אָנגעקומען, און הרב פּערעלמוטער האָט נישט געהאַט קיין מלבוש אויפן גאַס אַרויסצוגיין. האָבן צו יענער צייט די ראַטשיינזער בעלי-בתים ר׳ הירש וואָלף שפּיגל, ר׳ משה פּרשעדעצקי און ר׳ יחיאל בירענבוים געפּאַלן אויף א פּלאַן: צו פייערן ביים רב אין שטוב דעם חנוכת הבית, אויף וועלכן עס זאָל זיך געפינען דאָס גאַנצע שטעטל. און כך הוה. מ׳האָט געמאַכט א סעודה, אין וועלכער דאָס גאַנצע שטעטל האָט אַנטיילגענומען. אַט דער יום-טוב האָט דערמעג-לעכט צו קויפן דעם רב א שיינעם פוטער-פּעלץ און פאַר דעם איבעריקן געלט איינצוקויפן א ביסל ספרים. אויך זיין פאָטער, ר׳ לייזערקע חזן, דערוויסנדיק זיך פון דער שרפה, האָט צוגע-שיקט זיין זון פאַר 500 רובל די נויטיקע ספרים, אָן וועלכע א רב קאָן זיך נישט באַגיין. הרב פּערעלמוטער האָט זיך ביס-לעכווייז איינגעאָרדנט און באַלד געגרינדעט א ישיבה מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט. און דאָס שטעטל איז געווען אי-בערגליקלעך וואָס עס האָט באַקומען אַזאַ גרויסן גאון ווי הרב פּערעלמוטער, פאַר א רב.

אָבער נישט אַלץ וואָס גלאַנצט איז — גאָלד. די אידיליע צווישן דעם רב און אין טייל שטאָט-בעלי-בתים, די חסידים, האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. א גרויסע מחלוקה האָט זיך צעפלאַקערט. די מחלוקה איז אויסגעבראָכן צוליב צוויי „גרוי-

סע״ חטאים, וואס די זוואלינער חסידים האבן אויסגעפונען אויפן רב פערעלמוטער. דער ערשטער חטא איז געווען, וואס דער רב לייגט תפילין אין חוה״מ. און דער צווייטער, דער גרע-סערער חטא איז געווען: דער רב האט זיך אנגעהויבן לערנען די רוסישע שפראך.

און אנגעהויבן צו לערנען רוסיש האט הרב פערעלמוטער אט צוליב וואס:

דער פלאצקער גובערנאטאר איז געקומען קיין ראטשוינז. די יידישע קהלה האט אויסגעוויילט א דעלעגאציע, מיט הרב פערעלמוטער בראש, וואס זאל מקבל פנים זיין דעם גאסט.

דער גובערנאטאר האט זיך ביים רב אויסגעפרעגט אויף דער לאגע פון די יידן און בכלל געפירט א זייער פריינטלעכן געשפרעך מיט דער דעלעגאציע. אבער הרב פערעלמוטער האט זיך געמוזט באנוצן מיט אן איבערזעצער, ווייל ער האט קיין רוסיש נישט געקאנט ריידן.

געזעגענענדיק זיך מיטן רב, האט דער גובערנאטאר צו אים געזאגט (דורכן איבערזעצער), אז ס׳טוט אים זייער לייד, און ער באדויערט, וואס דער רב, אלס פארשטייער פון די רא-טשוינזער יידן, קאן זיך מיט אים נישט אויפריידן פערזענלעך, און ער בעט אים זיך אויסלערנען רוסיש, מיט וועלכן ער וועט קאנען א סך טובות טון פאר יידן.

הרב פערעלמוטער האט זיך באלד אנגעפרעגט ביי זיין פאטער, וואס ער זאל טון. לערנען די רוסישע שפראך, ווי דער גובערנאטאר האט געהייסן; אדער אינגאנצן אויפגעבן דעם געדאנק, ווייל ער האט גוט געוווסט וואס פאר א פאנאטישע חסידים ער האט אין זיין שטעטל און אז זיי וועלן באשטימט נישט שווייגן ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אז דער רב פארנעמט זיך מיט לערנען שפראכן...

זיין פאטער האט אים באלד צוגעשיקט הונדערט רובל און מסכים געווען, ער זאל אנהויבן לערנען. ער האט אים גע-בעטן צופארן צום גאסטאנינער רבין, צו וועמען ר׳ לייזערקע האט געהאט געוויסע סימפאטיעס, און אים פרעגן אן עצה. די זעלבע וואך איז הרב פערעלמוטער געפארן קיין גאסטאנין, ווו ער איז זייערווארים אויפגענומען געווארן. ביים געזעגענען

זיך האט הרב פערעלמוטער באריכט דעם ענין וועגן לערנען רוסיש.

דער גאסטאנינער רבי האט אויף אים גוזר געווען בגזירת כיבוד-אב, אז ער זאל זיך נעמען צום שטודיום, אמווייניקסטן דריי שעה א טאג, צוזאגנדיק אים, אז דאס וועט אים ח"ו נישט גערעכנט ווערן פאר ביטול תורה.

א פאר טעג שפעטער, איז אנגעקומען א יידישער סטו־דענט, וועלכער איז געווארן איינגעלאדן פון ווארשע, ער זאל אונטערריכטן דעם ראטשוינזער רב אין דער רוסישער שפראך, באקומענדיק דערפאר פרייע קעסט, א דירה און א רובל א וואך. אויך אויף דעם געביט האט הרב פערעלמוטער באוויזן זונדער. צו פיר חדשים האט ער שוין געקענט די רוסישע גראמאטיק און א גרויסן טייל רוסישע געשיכטע.

דאס באווייזן זיך פונם סטודענט אינם שטעטל איז געווען בוימייל אויפן פייער... די זוואלינער חסידים זיינען פון זייער פאסיוויטעט איבערגעגאנגען צו אקטיוויטעט. אנשטאט אפצוהאלטן פארזאמלונגען אין זייערע קלויזן, האט מען ביים רב אין הויז אלע פענסטער אויסגע־בראכן... אריינשרייענדיק דורך די אויסגעהאקטע שויבן:

— א רב זאל זיך לערנען גויאישע שפראכן!? סטייטש! אז א רב טוט דאס, וואס וועט שוין דער המון זאגן?...

נישט וועלנדיק אויפרייצן די שטאט קעגן זיך, האט הרב פערעלמוטער, קעגן זיין ווילן, געמוזט אפזאגן דעם לערער. אבער יענער האט אים געטרייסט: — איר, רבי, דארפט דער־וויל נישט קיין לערער. אויב איר האט, אין משך פון א פאר חדשים, געקאנט באווייזן אזויפיל אויסצולערנען, מעג איר גאנץ רואיק זיין, אז אפילו אליין לערנענדיק זיך, וועט איר מיט דער צייט די רוסישע שפראך באהערשן.

אבער דאס אפפארן פונם לערער האט נאך די חסידים נישט בארואיקט. מיר ברויכן נישט אזעלכע רבנים אין רא־טשוינז — האבן זיי געשריגן, — פארנעמט אייך פון אונזער שטאט.

הרב פערעלמוטער, מיט זיין שטארקן כאראקטער, האט

זיך ווייניק וואס צוגעהערט צו די געשרייען פון די זוואלינער חסידים און ווייטער (שוין אן דער הילף פון א לערער) גע-לערנט רוסיש, אזוי, אז א פאר חדשים שפעטער, ווען ער איז געפארן צום גובערנאטאר בעטן א טובה פאר עטלעכע רא-טשוינזער יידן, האט ער, דער אדון, נישט געגלויבט, אז עס רעדט מיט אים הרב פערעלמוטער, וועלכער האט מיט זעקס חדשים צוריק נישט געקענט און נישט פארשטאנען קיין איין ווארט, און היינט רעדט ער א פערפעקטן רוסיש.

קאפיטל 6

אלס קלעטשעווער רב. דער קאלישער רב ווערט ארויסגעשיקט פון דער גובערניע. די קלעטשעווער מחלוקה

אבער לאנג אין ראטשוינז איז ער נישט געבליבן. ס׳האט אים אנגעכאפט אן עקל צו דער גאנצער מחלוקה, און נאך פינף יאר זיין רב אין דער שטאט, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין א קליין אבער רייך שטעטל, קלעטשעוו (קאלישער גובערניע).

קומענדיק נאך קלעטשעוו, האט ער געמוזט אנהויבן אן ארבעט צו בויען מקואות. א מקוה איז אין שטעטל יא געווען, נאר א פארוואהרלאזטע. נישט קוקנדיק דערויף וואס אין קלעטשעוו האבן געוואוינט רייכע בעלי-בתים, זיינען זיי אבער געווען גרויסע קמצנים און האבן נישט געוואלט צושטייער געבן אויף אויפצובויען א מקוה מיט צו יענער צייט מאדערנע איינריכטונגען. צוויי יאר האט ביים רב גענומען דאס זאמלען געלט, האלטן דרשות איבער דער נויטווענדיקייט פון א מקוה. און צו זיין שבח מוז מען צוגעבן: הרב פערעלמוטער האט געהערט צו די מענשן מיט א פעסטן געהארטעוועטן כאראקטער; האט ער זיך גענומען צו אן ארבעט, האט ער נישט גערוט, ביז ער האט זי דורכגעפירט. אין קלעטשעוו האט ער, אדאנק זיין אומדערמידלעכער ארבעט, רעארגאניזירט דאס דארטיקע יידישע לעבן, געבויט מקואות, איינגעפירט א ישיבה

פאר די שטאטישע און פרעמד אנגעקומענע בחורים, מיט איין וואָרט: אדאנק דער אומדערמידלעכער ארבעט פונם רב פע־רעלמוטער איז אן אומבאקאנט און אומבאדייטנד שטעטעלע געווארן באקאנט און בארימט איבער פוילן.

בעת דער קאלישער גובערנאטאר גראף שאבעלסקי האט באזוכט זיין גובערניע, האט ער אויך קלעטשעוו נישט פאר־פעלט. די דארטיקע באפעלקערונג האט דעם גובערנאטאר געמאכט א ווארימע אויפנאמע. אין דער שטאט־שול, ווו דער גובערנאטאר מיט זיין סוויטע זיינען געווען איינגעלאדן, האט הרב פערעלמוטער געהאלטן א באגריסונגס־רעדע אויף רוסיש. דער גובערנאטאר האט געדאנקט דעם רב פאר זיין באגריסונג. אזא רב צו האבן אין מיין גובערניע — האט גראף שאבעלסקי געזאגט — איז פאר מיר א גרויסער כבוד. מיין הויז איז שטענ־דיק אפן פאר דיר און שטענדיק גרייט צו דיין דינסט.

א פאר טעג שפעטער, איז די רוסישע רעדע פון הרב פע־רעלמוטער געווען געדרוקט אין דער קאלישער צייטונג „גו־בערנסקיא וויעדאמאסטי". ס'האבן זיך אפילו באלד געפונען אייניקע סוחרים, וועלכע זיינען געקומען בעטן הרב פערעל־מוטער, אז ער זאל זיך ביים גובערנאטאר משתדל זיין פאר זייערטוועגן, כדי צו באקומען פאדריאדן א. ד. גל. אבער הרב פערעלמוטער האט זיי קאטעגאריש אפגעזאגט, מאטיווירנדיק עס דערמיט, וואס ער קאן זיין א שתדלן נאר פארן רבים, אבער נישט פאר מענשן וועלכע זוכן צו מאכן געשעפטן.

א טובה פונם קאלישער גובערנאטאר האט הרב פערעל־מוטער יא געבעטן, וויסנדיק, אז ס'איז אוממעגלעך, אז דער גובערנאטאר זאל אים די טובה דערפילן. דאס איז געווען, ווען דער קאלישער רב, ר' חיים אליעזר וואקס, בעל מחבר נפש חיה, האט באקומען אן אויסווייז אז ער מוז פארלאזן די קאלי־שער גובערניע אין פיר און צוואנציק שעה. און באקומען דעם אויסווייז האט דער קאלישער רב דערפאר וואס ער האט מכבד געווען א קאלישער אסימילאטאר און גרויסן תקיף ביים מלכות מיט צוויי פייערדיקע פעטש.

עס איז כדאי איבערצוגעבן ווי אזוי די זאך איז פארגע־קומען:

דער קאַלישער מיליאַנער און אַסימילאַטאָר גרינפעלד האָט התונה געמאַכט אַ טאָכטער. מסדר קדושין איז געווען דער קאַלישער רב. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, אַריינקומענדיק אין שול צו דער חופה, ווען ער האָט דערזען ווי פיר מיידלעך האַלטן די חופה־שטאַנגען. דער רב האָט געלאָזט וויסן דעם מחותן גרינפעלד, אַז ער וועט נישט מסדר קדושין זיין, כל זמן די מיידלעך וועלן פון דער חופה נישט אַוועקגיין. גרינפעלד, וועלכער איז געווען אַ תקיף ביי מלכות, ווילנדיק באַווייזן פאַר די געסט אַז זיין וואָרט איז אַ געזעץ פאַר אַלעמען און אפילו פאַרן רב, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז נאָר די מיידלעך זאָלן האַלטן די חופה־שטאַנגען, און אויב דער רב וויל נישט מסדר קדושין זיין, וועט ער אים צווינגען דורך פּאָליציי. דער רב האָט זיך געפונען שטאַרק באַליידיקט און אַראָפּגעלאָזט דעם מחותן צוויי פייערדיקע פּעטש. ביינאַכט האָט אַ ספּעציעלער שליח אויפגעוועקט דעם רב, איבערגעבנדיק אים, אַז אין משך פון 24 שעה מוז ער פאַרלאָזן די גאַנצע קאַלישער גובערניע.

די ידיעה, אַז דער רב מוז פאַרלאָזן די שטאָט, האָט אַרויסגערופן אַ גרויס צערודערונג. מ'האָט געזוכט עצות ווי אַזוי דעם גזר אָפּצושאַפן, אָבער מ'האָט נישט געזען קיין האָפנונג. גראַף שאַבעלסקי איז געווען אַן איינגעגעסענער מענש, און זיינס אַ וואָרט איז געווען געזעץ. ס'איז געבליבן מ'זאָל אַרויסרופן הרב פּערעלמוטער נאָך קאַליש, און ער זאָל פּועלן צוריקצורופן די גזירה.

אין באַגלייטונג פון דעם כלל־טוער ה' בעריש שומקעוויטש איז הרב פּערעלמוטער אַוועק צום גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אים זייער פריינטלעך אויפגענומען. און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו זאָגן וועגן וואָס ער איז געקומען, האָט אים דער גובערנאַטאָר געזאָגט:

— הער ראַבינער, איך ווייס וואָס דער ציל פון אייער קומען צו מיר איז, אָבער איך וועל אייך שטעלן אַ פראַגע: למשל, ווען איינער קומט צו דיר מיט אַ שאלה, ער האָט אַ געלעכערטן פּופּיק און איז שוין אויך אַביסל צוגעפוילט, איז נאָך אייער יידישן דין דער פּופּיק כשר?

— טריף.
— און אז מ׳וועט דיר געבן א סך געלט, וועסטו עס כשר מאכן?
— פאר קיין שום געלט אויף דער וועלט. ס׳איז טריפה.
— און ווען א שטייגער אייער דוד המלך זאל קומען און בעטן?
— ווען אפילו די גאנצע וועלט זאל בעטן: טריף איז טריף.
— זעט איר, הער ראבינער, — האט דער גובערנאטאר ווייטער גערעדט — דאס איז די זעלבע שאלה. דער „פופיק" איז געלעכערט און איך האב עס טריף געמאכט, קאן איך דאס נישט מער מכשיר זיין.
— אבער, הער גראף — האט זיך הרב פערעלמוטער אנגערופן — איר האט א קליינעם טעות. די שאלה איז דא פונקט פארקערט: דער טריפענער און פארפוילטער פופיק איז גאר דער מחותן גרינפעלד, און דער רב ר׳ חיים אליעזר וואקס איז א כשרער ייד וועמען מ׳אכטעט און מיט זיינס א ווארט רעכנט מען זיך. אבער די אלע רייד האבן גארנישט געהאלפן. נאך לאנגן בעטן מיט טרערן אין די אויגן, האט הרב פערעלמוטער געפועלט, אז דער אויסווייז ווערט פארלענגערט אויף דריי חדשים. דאס איז נויטיק געווען כדי צו ראטעווען דאס גרויסע פארמעגן פונם קאלישער רב, וואס איז געווען צעבארגט, און כדי ער זאל צייט האבן דאס איינצומאנען. צו די דריי חדשים האט הרב ר׳ חיים וואקס פארלאזט קאליש, און איז געווארן איינער פון די ווארשעווער רבנים און שפעטער איז ער אויפגענומען געווארן אלס פיעטראקאווער רב.

ס׳איז אינטערעסאנט צו דערמאנען, אז דער געפאטשטשטער מחותן האט געהאט א זייער שלעכטן סוף: גלייך נאכדעם ווי הרב ר׳ אליעזר חיים וואקס האט פארלאזט די שטאט, איז ער קראנק געווארן און אנגעהויבן פוילן, און אין גרויסע יסורים געשטארבן. אויך דער גובערנאטאר איז א קורצע צייט שפעטער געשטארבן אין פעטערבורג.

אבער דאס רבנות אין קלעטשעוו האט אויך נישט לאנג אנגעהאלטן. אפנים מן השמים איז נגזר געווארן, אז הרב פערעלמוטער זאל נישט בלייבן וואוינען אין די קליינע שטעט-

לעך, נאר זאל פארנעמען דעם פלאץ וואס פאסט פאר אזא מאן. האט געדארפט פאסירן, אז גראד צוליב דעם קלעטשע-ווער שטאט-חזן זאל הרב פערעלמוטער פארלאזן די שטאט. געשען איז אט וואס:

דער קלעטשעווער חזן ש. ז. האט אויך פארנומען דעם אמט אלס שוחט. א חזן איז ער געווען אן ערשטקלאסיקער, דערפאר אבער א שוחט — א זייער שוואכער. האט הרב פע-רעלמוטער אים נישט געוואלט אנפארטרויען די שחיטה, און צוגעשטעלט צום חזן א צווייטן שוחט. דאס האט דער חזן נישט געוואלט פארליידן און אנגעהויבן מאכן א מחלוקה קעגן דעם רב. ער האט זיך פארבונדן מיטן קלעטשעווער שטאט-מסור, וועלכער האט געטעראראמעוועט איבער דער גאנצער שטאט, אויסטראכטנדיק אלערליי בלבולים אויפן רב.

מער פון אלץ האט זיך דער חזן געפילט געטראפן דערפון, וואס ראש השנה האט דער רב אליין געדאוונט מוסף. באזיצנ-דיק א העלדן-טענאר האט ער דעם עולם פארכשופט מיט זיין דאוונען, און דא האט שוין דאס געדולד ביים „חזן-שוחט" אינ-גאנצן געפלאצט. ער האט אויפגעהערט צו ווייזן דעם רב די חלפים צי זיינען זיי כדין, און האט אנגעהויבן שעכטן אויף אייגענער אחריות.

הרב פערעלמוטער האט זיך געווענדעט צו אייניקע רבנים זיי זאלן זיך ארויסזאגן, וואס ער זאל טון מיטן שוחט, וועלכער וויל נישט לאזן בודק זיין די חלפים וכדומה. אויף דעם האבן די רבנים ר' יהושיעלע קוטנער, ר' חיים אליעזר וואקס דער קאלישער רב און דער קאנינער רב ר' הירש אורבאך געענט-פערט, אז די שחיטה איז נבלה וטריפה און אז זיי אסרן די שחיטה. דער שוחט האט זיך נישט געקימערט וועגן דעם איסור און ווייטער געשאכטן. און דא איז אויסגעבראכן די „קלעטשע-ווער שרפה". די גאנצע שטאט איז אריינגעכאפט געווארן אין דער מחלוקה.

הרב פערעלמוטער, נישט זייענדיק בטבע א מענש וואס זאל זיך ארומרייסן מיט מענשן, האט ער אויפגעגעבן דאס קלעטשעווער רבנות און איז געווארן פאביאניצער רב.

אלס פאביאניצער רב

נישט לייכט איז הרב פערעלמוטער אנגעקומען דאס פא־ביאניצער רבנות. די חסידים האבן בשום אופן נישט געוואלט אריינלאזן אין שטאט אריין א רב, וואס איז נישט קיין חסיד, בפרט נאך, אז דער נייער רב קומט פון א קליין שטעטל קלע־משעוו און איז א מתנגד בן מתנגד. זעענדיק אבער, אז הרב פערעלמוטער האלט ווייטער אן זיין קאנדידאטור, האבן די חסידים געאסרט די מקוה כדי אזוי ארום אפשרעקן דעם רב. און ווען אויך דאס האט נישט געהאלפן, האט מען אנגעקלאפט אין די הויכע פענסטער אין געבעטן, אז מ׳זאל נישט דערלויבן הרב פערעלמוטער זאל ווערן פאביאניצער רב. אבער די גרויסע מערהייט האט געזיגט. ס׳איז אפילו באקאנט, אז דער גרויסער לאדזשער אינדוסטריעלער פאזנאנסקי איז ספעציעל געפארן צום פיעטראקאווער גובערנאטאר, וועלכער האט תיכף בא־שטעטיקט די נאמינאציע פון הרב פערעלמוטער אלס פאביא־ניצער רב.

אבער דער גאנצער קאמף האט נישט געלוינט, ווייל נאר ניין חדשים איז הרב פערעלמוטער געווען פאביאניצער רב. די קורצע צייט איז ער נישט געווען חס ושלום דערפאר, וואס די שטאט איז מיט אים נישט צופרידן געווען, אדער ער, מיט דער שטאט; חלילה, ער איז געווען בלויז ניין חדשים פאביא־ניצער רב, ווייל צו יענער צייט איז ארוים א רעגירונגס-געזעץ, דאס אלע רבנים, סיי די וואס זיינען אויף רבנות-שטעלעס און סיי די, וואס ווילן קאנדידירן אלס רב, מוזן אפגעבן א רעגי־רונגס-עקזאמען, בכדי צו באווייזן דאס א חוץ אלע למודי קודש קען אויך דער רב די רוסישע שפראך, רוסישע געשיכטע א.ד.ג.

אט דאס איז געווען די סיבה, פארוואס הרב פערעלמוטער איז נישט לענגער געבליבן אין פאביאניץ, נישט קוקנדיק אויף דעם וואס אין דער קורצער צייט וואס ער איז דארט געווען, האט ער א סך אויפגעטאן פאר דער שטאט, ווי פאר דער בא־פעלקערונג.

קאפיטל 7

אלס ראדאמער רב

זייענדיק רב אין פאביאניץ, האט הרב פערעלמוטער אנ-געהויבן באריכמט צו ווערן איבער פוילן און רוסלאנד. פון אלע זייטן האט מען זיך צו אים געווענדעט וועגן שאלות-ותשובות, מ'האט געבעטן טובות ביים מלכות א. ד. גל.

די קהלה אין ראדאם האט געזוכט איבער גאנץ פוילן און רוסלאנד א רב, וועלכער זאל אין זיך האבן סיי תורה און סיי וועלטלעכע בילדונג, און האבן נישט געקאנט געפינען. ס'האט שוין געהאלטן דערביי, אז דער ראדאמער גובערנאטאר האט דער קהלה געגעבן א טערמין, במשך פון וועלכן זיי זאלן זיך פארזארגן מיט א רב; אויב נישט, וועט ער נאמינירן דעם „קאזיאנעם" ראבינער, א געוויסן דרעזנער (וועלכער האט גע-ענדיקט דעם ווילנער סעמינאר), אלס ראדאמער רב.

די ראדאמער קהלה האט געשיקט א דעלעגאציע נאך פאביאניץ, בעטן הרב פערעלמוטער אויב ס'איז מעגלעך, אז ער זאל אננעמען דאס ראדאמער רבנות.

הרב פערעלמוטער איז אוועקגעפארן צום ראדאמער גו-בערנאטאר און האט געפאדערט, אז נאר דער גובערנאטאר זאל אים עקזאמינירן אין וועלטלעכער בילדונג. ווי איבער-ראשט איז אבער דער גיבערנאטאר געווארן, ווען ער האט זיך איבערצייגט וואס פאר א בקי אין דער רוסישער שפראך הרב פערעלמוטער איז. דער עקזאמען האט געדויערט א קנאפע שעה, און זיך געענדיקט מיט א גרויסן נצחון פארן עקזאמען-אפגעבער. — הרב פערעלמוטער איז געווארן ראדאמער רב,

זייענדיק אזוי ארום דער ערשטער רב אין פוילן און אין רוס־לאנד, וואס האט אפגעהאלטן אן עקזאמען.

א קורצע צייט נאכדעם ווי הרב פערעלמוטער איז געווען אין ראדאם, האט ער רעארגאניזירט דאס שטאטישע געזעל־שאפטלעכע לעבן. אזוי ווי די שטאט האט געהאט ביי זיך סטאנציאנירט א סך מיליטער, איז די ערשטע אויפגאבע גע־ווען, צו מאכן א כשרה קיך פאר די יידישע סאלדאטן. ער האט געפועלט ביי דער מאכט, אז אויף שבתים און ימים־טובים זאל מען די יידישע סאלדאטן באפרייען; געזארגט אז יידישע ארעסטאנטן זאלן באקומען יידיש עסן, און אנדערע שטאטישע זאכן, וועלכע זיינען געווען א נויטווענדיקייט פאר דער ארימער יידישער באפעלקערונג.

מיט דער צייט, איז הרב פערעלמוטער געווארן א שתדלן. ווי נאר א יידישע צרה, איז ער באלד געווען אויפן ארט און געהאלפן, אויסנוצנדיק דערביי זיין גרויסע באקאנטשאפט מיט הויכע פערזענלעכקייטן. אין יענע יארן איז ארויס א גזירה, אז אלע אויסלענדישע רבנים, ווי סתם יידן, מוזן פארלאזן פוילן אין משך פון 24 שעה. ס'איז איבעריק צו שילדערן די מהומה וואס די גזירה האט ארויסגערופן ביי א סך הונדערטער אויס־לענדישע יידן, וועלכע זיינען געווען איינגעארדנט אין פוילן מיט געשעפטן און פאבריקן און האבן געמוזט אלץ איבערלאזן און אוועק ווו די אויגן וועלן זיי טראגן.

אין ראדאם האט די גזירה שווער געטראפן דעם מיליאנער און פילאנטראפ ר' יואל ביימינגער, א ייד א למדן, וועלכער האט זיין גאנץ געלט געהאט פארבארגט צו די פריצים פון יענער געגנט. פון פיל שטעט זיינען אנגעקומען דעלעגאציעס צו הרב פערעלמוטער, ער זאל זען עפעס אויפטון פאר זייערע רבנים (ווי דער לוקאווער רב, דער אפטער רב, וועלכע זיינען שפעטער געווארן רבנים אין קראקע, דער פלאצקער רב ר' פאלעק אורבאך, וועלכער איז שפעטער געווארן רב אין בער־לין), וועלכע זיינען געווען אויסלענדער און ממילא געמוזט פארלאזן פוילן.

הרב פערעלמוטער איז געפארן נאך ווארשע, צום גענע־ראל־גובערנאטאר הורקא, וועלכער, זייענדיק אליין א גרויסער

אנטיסעמיט, האט דאך געהאלטן הרב פערעלמוטער פאר איי-
נעם פון זיינע פריינט. נאך לאנגע דינגעניש ביים גענעראל-
גובערנאטאר האט ער געפועלט, אז די אויסלענדישע רבנים
מעגן נאך פארבלייבן אין לאנד דריי חדשים, דאקעגן דער
גביר ר' יואל בוימינגער, אויף וועמען די פריצים האבן גע-
מסורט אז ער האט ביי זיי גענומען צו הויכע פראצענטער, און
אזוי ארום געוואלט פון אים פטור ווערן כדי אים נישט דארפן
באצאלן די חובות — פאר אים האט הרב פערעלמוטער גע-
פועלט א פארלענגערונג אויף 6 וואכן צייט. במשך פון אט דער
צייט איז עס ר' יואל בוימינגער געלונגען צו ליקווידירן זיינע
געשעפטן און פארלאזן פוילן.

נישט קוקנדיק אויף זיין שוואכן געזונט-צושטאנד, פלעגט
ער קיינמאל נישט רוען ביז ער האט נישט אויסגעפירט די פון
אים אונטערגענומענע ארבעט. זיין שטוב איז שטענדיק געווען
פול מיט מענשן וועלכע זיינען געקומען בעטן א טובה, א שתד-
לנות א. ד. גל. נישט נאר סתם מענשן זיינען געקומען בעטן
טובות נאר רבנים, און גאנץ אנגעזעענע רבנים פלעגן קומען
קיין ראדאם בעטן א טובה. און זעלטן ווען ס'פלעגט ווער זיך
אומקערן אהיים מיטן ליידיקן.

האט א רב געדארפט האלטן אן עקזאמען און איז געווען
זיכער אז ער וועט דורכפאלן, האט מען געוווסט, אז מען וועט
ארייגפארן צום ראדאמער רב, וועט אלעס זיין אין ארדנונג.
און כך היה. צענדליקער רבנים זיינען גע-
בליבן אין אויפגענומען געווארן אויף זייערע פאסטנס אדאנק
הרב פערעלמוטער, וועלכער האט זיך משתדל געווען אז מען
זאל זיי פארלייכטערן ביים עקזאמען-האלטן.

ס'איז כאראקטעריסטיש, אז צוויי רבנים, גרויסע מיחוסים,
האט הרב פערעלמוטער געפועלט, אז זיי זאלן אויפגענומען
ווערן אלס רבנים און זאלן דערביי נישט דארפן אפגעבן קיין
עקזאמען, אדאנק זיין קאנטשאפט מיטן בילדונגס-מיניסטער.
די רבנים זיינען: הרב הגאון שליט"א ר' הירש הענעך (בענדי-
נער רב) און הרב הגאון ר' מענדעלע אלטער (פאביאניצער
רב, דעם גערער רבינס ברודער). און עס איז גארנישט קיין
וואונדער וואס די רביים און רבנים האבן געזוכט די התקרבות

מיטן ראדאמער רב, וויסנדיק, אז דורך אים קאן מען אמאל האבן א טובה. אדאנק דעם, איז הרב פערעלמוטער געווארן א נאענטער ידיד מיטן גערער רבין, מיטן שפת אמת ז"ל, און מיט אנדערע רביים.

רעדנדיק אמאל מיטן סטריקאווער רבי, האט הרב פערעל-מוטער אים געפרעגט: רבי, וואס האבן צו מיר די חסידים, פארוואס רודפן זיי מיך? — און זיי וועלן דיך רודפן, — האט דער סטריקאווער געענטפערט — זיי וועלן דיך אזוי לאנג יאגן, ביז זיי וועלן דיך קיין ווארשע פאריאגן. צוואנציק יאר שפעטער איז טאקע מקוים געווארן וואס דער סטריקאווער רבי האט געזאגט.

די רייזע נאך ארץ־ישראל

נישט אלעמען איז באקאנט, אז הרב פערעלמוטער איז אויך געווען א הייסער ציוניסט, און זיין גאנץ שטרעבן איז געווען, כאטש איינמאל אין זיין לעבן צו באזוכן ארץ ישראל. און ער האט עס אויך באזוכט, אדאנק זיין פריינט ר' סאנע בעקערמאן, וועלכער האט אים ארויסגעהאלפן מיט פיר הונ-דערט רובל. ער האט איבערגעלאזט זיין פאמיליע 300 רובל, און מיט דעם איבעריקן געלט זיך געלאזט אין וועג אריין, שלעפנדיק זיך אויף אקסן-שיפן, כדי ס'זאל אים ביליקער קאס-טען. ער האט זיך אויף דער רייזע צו שטארק געפלאגט און איז אויפן וועג קראנק געווארן. דער דאקטאר האט אים געהייסן זאפארט אהיימפארן, ווייל ער וועט די רייזע נישט אויסהאלטן. אבער הרב פערעלמוטער האט פון גארנישט געוואלט הערן: איך מוז זען מיין לאנג אויסגעבענקט ארץ ישראל, מעג עס מיך אפילו מיין לעבן קאסטן.

אין ארץ ישראל האט מען הרב פערעלמוטער זייער גוט אויפגענומען. די רבנים ר' שמואל סאלאנטער, הרב דישקין הרב דילקין און רב שניאור זלמן פון לובלין, האבן אים איינ-געלאדן צו דרשהנען אין רבינו יהודה'ס חורבה-שול און אין אנדערע בתי מדרשים, צוציענדיק א גרויסן עולם, וועלכער איז געקומען הערן דעם ראדאמער רב'ס דרשות.

אפווייענדיק א פאר חדשים אין ארץ ישראל, איז הרב פע-רעלמוטער, א באנייטער אין פרישע כוחות, אהיימגעפארן צו-ריק נאך ראדאם, אריינווארפנדיק זיך אין דער ארבעט לטובת הכלל, אויסנוצנדיק יעדע געלעגנהייט צו העלפן א נויטבא-דערפטיקן יידן.

די באגעגעניש מיטן רוסישן צאר

ווען הרב פערעלמוטער איז צוריקגעקומען פון ארץ ישר-אל, האט זיך די שטאט געגרייט אויפצונעמען דעם רוסישן צאר, וועלכער האט געזאלט אדורכפארן די שטאט. דער גובער-נאטאר האט פארגעשטעלט פארן צאר דעם ראדאמער רב. דער צאר האט זיך פונאנדערגערעדט מיט הרב פערעלמוטער. ביים געזעגענען זיך האט דער צאר דערלאנגט די האנט דעם רב און דערביי אויסגעדריקט זיין באוואונדערונג, וואס הרב פערעלמוטער איז אזוי גוט באהאוונט אין דער לאנד-געשיכטע. א פאר וואכן שפעטער, איז פון פעטערבורג אנגעקומען א גאל-דענער מעדאל פונם קייסער, אלס אויסצייכנונג פאר הרב פערעלמוטער.

18 יאר איז הרב פערעלמוטער געווען אין ראדאם. 18 יאר געארבעט פארן וואוילזיין פון די ראדאמער יידן. לאנג, לאנג וועט זיין איינגעקריצט ביי דער ראדאמער יידישער בא-פעלקערונג דער גוטער נאמען און די פערזאן פון זייער געווע-זענעם רב, הרב אברהם צבי פערעלמוטער.



הרב פערעלמוטער, דער ערשטער רב אין רוסלאנד וואס האט באלייגט
עקזאמען אויף דער רוסישער שפראך

קאפיטל 8

אלס ווארשעווער ראש בית דין

ווען דער גאון רבי שמואל זיינוויל קלעפפיש, דער וואר-שעווער ראש-הרבנים, איז נפטר געווארן, איז הרב פערעלמו-טער טעלעגראפיש ארויסגערופן געווארן קיין ווארשע, דורך די צוויי ווארשעווער דאזארעס ר׳ שלמה אייזענמאן און ר׳ ישעיה פריוועס, ער זאל קומען מספיד זיין דעם נפטר. הרב פערעלמוטער האט אנגענומען די טעלעגראפישע איינלאדונג און געקומען קיין ווארשע. לאנג, גאנץ לאנג האט ווארשע נישט געהאט געהערט אזא רעדנער ווי הרב פערעלמוטער. זיין הספד האט ארויסגערופן א שטורם סיי ביי דער רבנישער וועלט ווי ביי דעם סתם עולם. נאכן הספד זיינען צו אים צוגעקומען די צו יענער צייט בארימטע אסימילאטארן, דער פארזיצער פון דער ווארשעווער געמיינדע בערגזאן און פראפעסאר דיקשטיין, און האבן אים געדאנקט אין נאמען פון דער ווארשעווער קהלה פאר זיין באטייליקונג אין דער לויה.

אין א קורצער צייט שפעטער, איז דער ראדאמער רב מיט א מערהייט אויסגעוויילט געווארן אלס שטעלפארטרעטער פון דעם פארשטארבענעם הרב קלעפפיש.

זיין ארייניפארן אין דער שטאט ווארשע איז פארוואנדלט געווארן אין א יום-טוב. הונדערטער מענשן האבן אנגעפילט די גאסן, דורך וועלכע ער האט געדארפט אדורכפארן. ס׳זיינען נאך פאראן מענשן, וואס געדענקען דעם ערשטן שבת וואס הרב פערעלמוטער האט געדרשנט אין דער שול „פארן אייזער-

נעם טויער", ווו פּאליציי האט געמוזט פונאנדערטרייבן דעם גרויסן עולם, וואס איז געקומען אים מקבל פּנים זיין.

לויטן אפּמאך מיט דער ווארשעווער קהלה, איז הרב פּע-רעלמוטער אויפגענומען געווארן אלס ראש-בית-דין און איז געווען באַרעכטיקט צו דעם טיטול. זייענדיק אבער כל ימיו אן עניו, האט ער זיך מיטן אויבנדערמאנטן טיטל נישט גע-וואלט רופן, נאר פלעגט זיך חתמענען „אב״ד נרצ״ע". ער האט נישט געוואלט עובר זיין אויף דער תקנה וואס ווארשע האט געמאכט, אז ס'זאל נישט זיין קיין רב, און אז ס'זאל נישט זיין קיין ראש הרבנים. געקומען איז עס צוליב דער גרויסער מח-לוקה וואס איז פארגעקומען אין דער צייט פון ווארשע'ס לעצטן רב ר' יאנקעלע געזונטהייט זצ"ל.

ס'וועט אינטערעסאנט זיין איבערצוגעבן די דעמאלטיקע מחלוקה, וואס האט געקאסט א סך מענשלעכע לעבנס.

ווען ס'איז אויסגעבראכן דער פּוילישער אויפשטאנד, איז דער ווארשעווער רב, הרב בעריש מייזעל, וועלכער איז געווען א גרויסער פּוילישער פּאטריאט און אנטיילגענומען אינם אויפשטאנד, ארעסטירט געווארן דורך דער רוסישער רעגירונג אויף אייניקע חדשים און שפּעטער ארויסגעשיקט געווארן פון רוסלאנד קיין גאליציע, ווייל ער איז געווען פון קראקע. דע-מאלט האט מען אין ווארשע אויפגענומען אלס רב דעם גרעסטן גאון פון יענער צייט, א ווארשעווער יונגנמאן מיטן נאמען ר' יאנקעלע געזונדהייט. אליין איז ער געווען א מתנגד און חסידים האבן אים אנגעהויבן רודפן. ס'איז אנטשטאנען א מח-לוקה מיט מסירות, וועלכע האט אפּגעקאסט א סך מענשלעכע לעבנס. פאר עגמת נפש, איז הרב געזונדהייט קראנק געווארן און געשטארבן ,זייענדיק קוים אייניקע חדשים רב.

פון דעמאלט אן האט מען געמאכט א תקנה, אז אין וואר-שע זאל נישט מער זיין קיין רב, כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע מחלוקות.

ווי שוין געזאגט, האט הרב פּערעלמוטער נישט געוואלט זיך באנוצן מיטן טיטול ראש-בית-דין, אבער רדיפות האט ער דערפאר געגנוג געהאט. מ'האט אים גערודפט פון קנאה, וואס זיין נאמען איז פון טאג צו טאג געוואקסן און פּאפּולער געווארן

צווישן דער יידישער באפעלקערונג. און זאל דא געזאגט ווערן, אז געראדפט האבן אים נישט קיין חסידים און נישט קיין מת-נגדים, נאר אייניקע ווארשעווער רבנים, נישט קאנענדיק פאר-ליידן דאס הרב פערעלמוטער שטייט גייסטיק פיל העכער פון זיי. האט מען אנגעהויבן זוכן אן „עפעס" וואס זאל ארויסרופן א מחלוקה און דערמיט דערנידעריקן דעם פרעסטיזש פון הרב פערעלמוטער. און א געלעגענהייט האט זיך פאר די רבנים געמאכט.

הרב פערעלמוטער האט ארויסגעגעבן א הכשר אויף פסחדיקע טיי, דעם איבעראל באקאנטן מאסקווער עסקן און נדבן וויסאצקי. די פאר ווארשעווער רבנים האבן מרעיש עול-מות געווען, געדרוקט גרויסע קול קורא׳ס אין דער „הצפירה" און אינם „הצופה", אז נאר פאפאוו׳ס טיי איז כשר לפסח, כדי אזוי ארום שוואכער צו מאכן דעםהכשר וואס הרב פערעלמו-טער האט ארויסגעגעבן. הרב פערעלמוטער האט זיי אויף די אלע קול קורא׳ס נישט געענטפערט עפנטלעך, נאר אויף א זיצונג פון ראבינאט האט ער זיי פאלגנדעס געזאגט: אויב איר מיט אייער לומדישן שכל פארשטייט בעסער ארויסצוגעבן א הכשר א גוי א פאגראמשטשיק און דעם יידן וויסאצקי נישט; אז איר פארשטייט, אז דער דין איז אזוי, מוז איך אייך דא זאגן, אז איר מיינט נאר מחלוקות. טרינקט איר אייך פאפאווס טיי און איך וועל נוצן נאר וויסאצקים, וועלכן איך האב ארויס-געגעבן א הכשר.

אויב ביים טיי-הכשר האבן א פאר רבנים נישט געקאנט פונאנדערבלאזן קיין פייער, האבן זיי געמיינט, אז דאס וועט זיי געלינגען ביי א שאלות הגט, מיינענדיק, אז אויך אין דעם פאל וועט זיי הרב פערעלמוטער נישט ענטפערן. אבער דא האבן די רבנים א טעות געהאט און האבן זייער נישט שיין אפגע-שניטן פון דעם דורך זיי אינסצעניזירטן סקאנדאל. געהאנדלט האט עס זיך אין אט וואס:

הרב פערעלמוטער האט מסדר געווען א גט, און די רבנים האבן אנגעווענדעט אלע זייערע כוחות דעם גט צו פסל׳ען. הרב פערעלמוטער האט גוט פארשטאנען וווהין די רבנים צילן, און אנשטאט זיי אפצוענטפערן מיט פשטלעך, האט ער זיך

געוועגדעט צו די גרעסטע רבנים און גאונים, ווי ר׳ אברהמעלע סאכאטשאווער זצ״ל, צום לאדזשער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל זצ״ל, ר׳ חיים סאלאווייטשיק, דעם בריסקער רב זצ״ל, רבי שמעלקעס פון לעמבערג, צום ברעזשאנער גאון, דער שפעטער-דיקער לעמבערגער רב, צום ווילנער רב ר׳ חיים עוזר און צו אנדערע, וועלכע האבן אלע געענטפערט, אז דער גט וואס הרב פערעלמוטער האט מסדר געווען איז כדין און עס איז א חרם גמור מוצא לעז צו זיין אויף דעם זעלבן גט. די ווארשעווער רבנים האבן שוין גארנישט געקאנט טון, אבער גאנץ שטיל זיינען זיי אויך נישט געבליבן, ביז צוויי ווארשעווער רבנים זיינען שווער קראנק געווארן און האבן געשיקט צום הרב פע-רעלמוטער, ער זאל זיי מוחל זיין קעגן די עולות וואס זיי זיינען קעגן אים באגאנגען. אחר פטירתם, האט ער זיי מספיד געווען און א סך טובות געטאן זייערע פארבליבענע אלמנות און יתומים. (די אלע שאלות ותשובות וועגן דעם גט געפינען זיך אין דעם ספר פון הרב פערעלמוטער „דמשק אליעזר״).

הרב פערעלמוטערס קאמף מיט דער ווארשעווער אסימילאציע

נישט נאר פון א פאר ווארשעווער רבנים האט הרב פע-רעלמוטער געליטן. א פיל גרעסערן קאמף האט ער געהאט אויסצושטיין מיט די פני פון דער קהלה, מיט די „בארימטע״ אסימילאטארן ווי דער פרעזעס בערגזאן, באנקיר נאטאנזאהן, פראפעסאר דיקשטיין, וועלכע זיינען ליידער געווען די טאן-געבער אין אזא קהלה ווי ווארשע, און האבן געפלאנט אפצוטון א מעשה נבלה פארן פוילישן און רוסישן יידנטום. און נאר אדאנק דעם, וואס הרב פערעלמוטער האט אנגעהויבן א העפ-טיקן ווידערשטאנד קעגן די אויבנדערמאנטע כלל-טוער איז די פון זיי געפלאנטע אונטערנעמונג צונישט געווארן. און גע-שען איז אט וואס:

א שטיקל צייט נאך הרב פערעלמוטערס אנקומען קיין ווארשע, האבן די צו יענער צייט פרנסים פון דער ווארשעווער

קהלה — בערגזאן, דיקשטיין, נאטאנזאהן וכדומה — כסדר זיך געבראכן די קעפּ, ווי ווערט מען פּטור פון דער יידישקייט? ווי ווערט מען פּטור פון די חדרים, תלמוד-תורות אין וועלכע ס׳ווערט געלערנט די תורה און פּארטייטשט אויף „זשארגאן";

און געטאן האבן זיי א קלייניקייט: זיי האבן אוועקגע-שיקט א פּעטיציע צום בילדונגס-מיניסטער קיין פּעטערבורג, אין וועלכער זיי פאדערן אז דער מיניסטער זאל פארבאטן דעם ארט לערנען אין די חדרים אויף יידיש, נאר לויטן פּראגראם פון אסימילאציע. און בכלל זאל מען פארווערן די חדרים, ווייל אזוי איז דער פארלאנג פון דער ווארשעווער קהלה — ווייל ז וויל מאדערניזירן די יידן אין פּוילן. א חוץ דער פּעטיציע, האבן די דיקשטיין-נאטאנזאנס, וועלכע האבן געהאט א פּער-זענלעכן איינפלוס אין מיניסטעריום, געארבעט אז מען זאל די זאך וואס שנעלער אונטעריאגן. געמיינט האבן די הערן, אז ווייבאלד דער פארבאט וועט ארויסקומען פאר דער שטאט ווארשע, וועט ער שוין ממילא חל זיין אויף גאנץ פּוילן און רוסלאנד.

דער בילדונגס-מיניסטער האט געענטפערט, אז ער פּער-זענלעך האט נישט דאקעגן ארויסצוגעבן אזא געזעץ, אבער ער וויל פריער הערן די מיינונג פונם ווארשעווער בילדונגס-קוראטאר.

דער גאנצער ענין איז געהאלטן געווארן בסוד. א חוץ דער אויבנדערמאנטער גרופּע האט דערפון קיינער נישט גע-ווּסט — ווען נישט א צופאל, וואס האט אויפגעדעקט די גאנ-צע זאך.

דער וויצע - גענעראל - גובערנאטאר פּאדגראדניקאף, א פּערזענלעכער פריינט פון הרב פּערעלמוטער, איז געקומען אים באגליקווינשן צו זיין אויפגענומען ווערן אלס ווארשעווער ראש בית דין. רעדנדיק אזוי מיט אים וועגן דער שטאט ראדאם, וו זיי האבן פארבראכט אנגענעמע טעג, דער איינער אלס רב און דער צווייטער אלס גובערנאטאר, האט ער אים מגלה גע-ווען דעם סוד מיט דער פּעטיציע צום בילדונגס-מיניסטער.

הרב פּערעלמוטער, דערהערנדיק פון דער געפּלאנטער זאך, איז געבליבן אויסער זיך.

— הער גענעראל, וואס בלייבט צו טון? — האט הרב פערעלמוטער געפרעגט דעם גענעראל — ווי אזוי קאן מען בטל מאכן דאס וואס איז נאך נישט גע'חתמעט? צו וועמען דארף מען זיך ווענדן?

— דער גאנצער ענין — האט דער גענעראל געענטפערט — ליגט אין דער האנט פונם ווארשעווער בילדונגס-קוראטאר שווארץ, וועלכער איז ליידער א גרויס'ער אנטיסעמיט. דאך וועל איך פרווון ווירקן ער זאל דיך איינפנעמען.

באלד ווי דער גענעראל איז אוועק פון הרב פערעלמוטערס שטוב, האט ער, נישט געקוקט אויף דער שפעטער שעה, זיך צונויפגערעדט מיט אייניקע ווארשעווער עסקנים וועגן דעם ענין. ס'איז באשלאסן געווארן צוזאמענשטעלן א דעלעגאציע פון די רבנים הרב ר' אלי חיים מייזעלס ז"ל (לאדזשער רב), הרב המנוח ר' משה נחום ירוזאלימסקי, ר' יואל וואגמייסטער, ר' אליעזר פריוועס און מיט הרב פערעלמוטער בראש וועלכע זאלן גיין צום שול-קוראטאר שווארץ און שילדערן פאר אים די סכנה וואס שטייט פאר דעם פוילישן יידנטום, אויב מ'וועט אדורכפירן די גזירה.

אדאנק דער אינטערוועניץ פונם וויצע-גענעראל-גובערנא-טאר, איז די דעלעגאציע אויפגענומען געווארן. הרב פערעל-מוטער האט פאר דעם אנטיסעמיט שווארץ געשילדערט וואס עס קאן ווערן פונם יידנטום אויב מ'וועט פארווערן דאס לערנען אין די חדרים און תלמוד-תורות, אויב מ'וועט איינפירן, אז דער לימוד זאל פארקומען אין א פרעמדער שפראך א. ד. גל. הרב פערעלמוטערס רעדע האט אויפן קוראטאר גע'מאכט אן איינדרוק, און ווענדנדיק זיך צו דער דעלעגאציע האט ער געזאגט: מיינע הערן, איך בין גערירט פון דעם אלטן רב'ס רייד, איר מעגט שטאלץ זיין וואס איר האט צווישן זיך אזא רב. זייט זיכער, אז אייער בקשה וועל איך נאכקומען, און אזוי ווי ביז איצט, וועט מען ווייטער אין אייערע חדרים לערנען אזוי ווי מען האט געלערנט.

אבער דער דאזיקער נצחון התורה האט דעם הרב פערעל-מוטער טייער געקאסט. ווען די ווארשעווער אסימילאטארן

האבן זיך דערוווּסט פון זייער מפּלה, און אז דער שולדיקער אין זייער דורכפאל איז הרב פּערעלמוטער, האבן זיי אים אנגעהויבן רודפן. די רדיפה איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז דערפאר וואס ער האט מורד געווען אין זיינע „ברויטפּארזארגער", דעם פּרעזעס און געהילפן, און זיך גענומען דאס רעכט צו ריידן אין נאמען פון די ווארשעווער יידן, האט מען אים אראפּגענומען א העלפט פון זיין געהאלט אויף א יאר צייט.

הרב פּערעלמוטער, ווי אלעמאל, האט זיך ווייניק וואס געשראקן פאר דעם בינטל אסימילאטארן און זיי דעם אמת געשליידערט אין פּנים אריין: אויב איר מיינט, אז איך וועל מיך אפּשטעלן פון פאַרטיידיקן דעם כבוד התורה און דעם כבוד פונם פּוילישן יידנטום, האט איר א טעות. מיטן אראפּנעמען א העלפט פון מיינע שכירות שרעקט איר מיך ווייניק. פאר מיר איז גענוג אז איך האב געקאנט מבטל מאכן אייער געפלאנטע גזירה. איבעריקנס, פארלאז איך ווארשע מיטן רבנותאמט, ווייל די שטאט פּלאצק האט מיר געשיקט א כתב-רבנות, און אפילו דער פּלאצקער גובערנאטאר לאדט מיך איין צו קומען קיין פּלאצק אננעמען די רבנות-שטעלע. געדענקט, מיינע הערן! — האט הרב פּערעלמוטער ווייטער געזאגט — ווו איך זאל נישט זיין, וועל איך נישט דערלאזן אז איר זאלט אפּטון זאכן וואס קאנען שעדיקן דעם כבוד התורה און דעם פּרעסטיזש פונם יידנטום.

די ווארשעווער בעלי-בתים, דערוויסנדיק זיך, אז זייער באליבטער ראש בית דין וויל זיי פארלאזן, האבן אויפגעהויבן א פּראטעסט קעגן די דאזיקע. דער רעזולטאט איז געווען, אז הרב פּערעלמוטער איז געבליבן אין ווארשע און זיין אראפּגענומענער געהאלט איז אים אויסגעצאלט געווארן.

ווי שוין אויבן דערמאנט, האט הרב פּערעלמוטער, נאך זייענדיק א תלמיד ביים ווארשעווער רב ר' בעריש מייזעלס, א גרויסן אנטייל גענומען אין דער ווארשעווער שחיטה. ווען ער איז געווארן ווארשעווער ראש-בית-דין האט ער זיך אינגאנצן אפּגעגעבן דער שחיטה-פראגע.

הרב פערעלמוטער באשיצט די וואַרשעווער שוחטים

זיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען: וואָס ווייניקער בשר חוץ אַריינלאָזן קיין וואַרשע, כּדי די שטאָטישע שוחטים זאָלן דערפֿון נישט דאַרפֿן ליידן. הרב פּערלמוטער האָט אויך מקפּיד געווען, אַז די תּקנות פֿון די שוחטים, טראָצדעם וואָס זיי זיינען נישט געווען אָרגאַניזירט אין אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַרבאַנד, אַז אַ פֿרייען שוחט-פּאָסטן זאָל קיין פֿרעמדער נישט באַקומען, נאָר אַ זון, אַן איידעם אָדער אַן אייניקל פֿון אַ וואַרשעווער שוחט — אַז אָט די תּקנות זאָלן אָפּגעהיט ווערן. און די שוחטים האָבן אים ליב געהאַט און געאַכטעט. זיי, די שוחטים, האָבן געוווּסט, אַז זיי זיינען נישט מער הפקר, אַז ווען עס מאַכט זיך אַ פֿרייער פּלאַץ וועלן נישט אַנלויפֿן קיין שוחטים פֿון דער פּראָווינץ, נאָר דער פּלאַץ וועט אַנקומען צו זייערס אַן אייגע-נעם, ווייל ער האָט אַ חזקה אויף דעם.

אויף ווי וויט הרב פּערעלמוטער איז געווען ערלעך אין זיין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט, נישט וויכטיק ביי וואָסערע אונטערנעמונג עס זאָל נישט זיין, קאָן מען עס אילוסטרירן מיט צוויי קליינע פֿאַקטן, וואָס ריידן פֿאַר זיך אַליין. אָט די פֿאַקטן אונטערשטרייכן די ערלעכקייט פֿון הרב פּערעלמוטער.

הרב פּערעלמוטערס אַ זון, אפֿרים, האָט זיך גענומען לער-נען שחיטה, רעכענענדיק, אַז אים, אַ זון פֿונם וואַרשעווער ראָש בית דין, וועט נישט שווער זיין אָנצוקומען אויף אַ פּאָסטן. אָבער הרב פּערעלמוטער האָט גלאַנט רופֿן זיין זון און אים געזאָגט: הער, אפֿרים! אויב דו האָסט זיך גענומען לערנען שחיטה, מיינענדיק אַז דו וועסט באַקומען אַ פּאָסטן אין וואַרשע — זאָלסטו דיר גאַרנישט איינרעדן. אַ שאָד דיין צייט.

אַ צווייטער פֿאַקט: איינער פֿון די פּוילישע רביים, וועל-כער איז געווען אַן אינטימער פֿריינט פֿון הרב פּערעלמוטער, האָט געוואָלט אַריינזעצן זיינס אַ נאָענטן קרוב אַלס אַ שוחט אין וואַרשע. ער האָט זיך וועגן דעם ענין געווענדעט צו הרב פּערעלמוטער און גלייכצייטיק צו זיינע חסידים, אַנגעזעענע

ווארשעווער גבירים. אבער הרב פערעלמוטער האט נישט גע-
נומען אין אכט די אלע ביטעס, און אויפן פרייען פאסטן ארייג-
געזעצט א שוחטיס אן אייניקל. — די תקנות פון א רבים —
האט הרב פערעלמוטער געזאגט — מוזן רעספעקטירט ווערן.
און איך וויל זיי נישט צעשטערן צוליב דעם וואס איך דארף
וועמען א טובה טון.

הרב פערעלמוטער איז געווארן דער אפיציעלער יידישער
שתדלן. ווו א צרה, ווו עפעס א נויט, האט מען זיך צו אים
געווענדעט. און נישט נאר יידן זיינען געקומען בעטן טובות,
נאר אויך קריסטן. ס׳זיינען באקאנט פאלן, אז גרויסע רעגי-
רונגס-באאמטע, ווען זיי האבן געדארפט עפעס אויסווירקן ביי
דער רעגירונג, זיינען געקומען צום ראבין פערעלמוטער, ער
זאל זיי העלפן.

אדאנק די שתדלנות, איז ער געקומען אין בארירונג מיט
די גרעסטע פערזענלעכקייטן פונם לאנד, וועלכע פלעגן אים
באוואונדערן, אז א רב זאל פריי און פליסיק ריידן רוסיש, פוי-
ליש, דייטש. און א סך פון די הויכע פערזענלעכקייטן, ווי צ.
ב.: די משפחה פירשט ראדזשיוויל, דער הייגטיקער פויבסט
פיוס דער עלפטער, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער
פויפסטלעכער נונציוס אין פוילן; דער הייגטיקער קארדינאל
קאקאווסקי; דער גענעראל-גובערנאטאר פאן סקאלאן א. אנד.
זיינען געווארן זיינע אינטימע פריינט.

קאפיטל 9

אלם שתדלן

די גזרה אויף די „טישלעך" און די גזרה אויף זעקסהונדערט בערד. אין פעטערבורג אויף דער רבנים אסיפה

זייט לאנגע יארן איז אין ווארשע געווען א מנהג, אז פאר דעם יידישן און קריסטלעכן פסח פלעגן יידן ארויסשטעלן אין דער פראנציסקאנער-נאלעווקער געגנט טישלעך מיט פארשי־דענע סחורות, פארקויפנדיק צו די פראווינצער, וועלכע פלעגן קומען קיין ווארשע איינקויפן אויף יום-טוב.

אן א שום סיבה, האט זיך פאר פסח באוויזן א מעלדונג, אז דאס שטיין מיט די טישלעך איז פארבאטן. צווישן די ווארשעווער יידן איז געווארן א פאניק. דאס פארווערן די „טישלעך" נעמט צו ביי א געוויסן קלאס פון דער יידישער באפעלקערונג זייער פרנסה-מקור. מ׳האט געזוכט מיטלען ווי אזוי די גזירה בטל צו מאכן, אבער ס׳איז נישט געגאנגען. געזעלשאפטלעכע טוער האבן זיך געווענדעט צום גענעראל-גובערנאטאר מיט ביטעס, דעלעגאציעס, און איינמאל — ניין. דער פארבאט בלייבט פארבאט. אייניקע ווארשעווער עסקנים האבן זיך געווענדעט צו הרב פערעלמוטער ער זאל זיך מיט דער זאך פאראינטערעסירן און זען זיך עפעס משתדל זיין פאר די פון דער גזירה געטראפענע יידן.

הרב פּערעלמוטער איז אוועק צום גענעראל-גובערנאטאר, געשילדערט אים די נויט פון אט די הענדלער, אנגעוויזן אים, אַז די גזירה איז געקומען צו שפּעט. אויב שוין יאָר פאַרווערן — האָט הרב פּערעלמוטער געטענהט — וואָלט מען דאָס גע- דאַרפט טון אנפאַנג ווינטער, וואָלטן די סוחרים קיין סחורות נישט איינגעקויפט. אָבער איצט? וואָס זאָלן די יידן מיט זייערע סחורות טון?

דער גענעראל-גובערנאַטאָר, איינזעענדיק די גערעכטע טענה פון הרב פּערעלמוטער, האָט צוגעזאָגט די זאַך צו באַ- טראַכטן. — ניין, אייער עקסעלענץ! — האָט הרב פּערעל- מוטער געזאָגט — שוין, בעט איך אייך, גיט מיר אָן ענטפער. ווייל הונדערטער פאַמיליעס זיינען פאַרצווייפלט און מ׳מוז זיי אַ טרייסט-וואָרט ברענגען. גערירט פון הרב פּערעלמוטערס רייד, האָט דער גענעראל-גובערנאַטאָר אים צוגעזאָגט צו מאַכן אַן אויסנאַם נאָר אויף דעם היינטיקן יאָר און דערלויבן די יידן האַנדלען אויפן גאַס מיט זייערע טישלעך.

— אויב אייער עקסעלענץ וועט מיר נישט אָפּזאָגן, האָב איך נאָך אַ קליינע ביטע צו אייך.

— בעט.

— אַז איר זאָלט מיר אייגנהענטיק געבן דעם דערלויבע- ניש-באַפעל צום אָבערפּאָליציי-מייסטער, כדי די פאַראָרדנונג זאָל נאָך היינט זיין אין גאַס און די יידן זאָלן נאָך היינט קאָנען אַרויסשטעלן זייערע טישלעך אויפן גאַס.

דער גובערנאַטאָר איז דעם רב׳ס ביטע אַנטקעגנגעקומען, און נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן יידן מיט פאַרוויינטע אויגן פאַר שמחה אויסגעפּאַקט זייערע סחורות אויף זייערע באַרימטע „טישלעך״.

אַז מיט הרב פּערעלמוטער האָט מען זיך גערעכנט אַפילו אינעם צאַרישן הויף, קאָן אילוסטרירן דער פאָלגנדער פאַקט: אויף דעם פּעטערבורגער רבנים-צוזאַמענפאָר, וואָס באַראָן גינצבורג האָט צוזאַמענגערופן, אין וועלכן ס׳האָבן צווישן אַנ- דערע אויך אָנטיילגענומען דער בריסקער גאון ר׳ חיים סאָלאָ- ווייטשיק זצ״ל, דער פּאָניעוועזשער רב, ר׳ חיים עוזר פון וויל-

נע, דער בענדינער רב גריבארד, האט פון דער שטאט ווארשע אויך אנטיילגענומען הרב פערעלמוטער.

נאכן צוזאמענפאר, האבן זיך אלע רבנים געזאלט פאר־שטעלן פארן צאר און אפעלירן צו אים, אז די אלע געפלאנטע גזירות אויף יידן זאלן אפגעשטעלט ווערן. האט דער דעמאל־טיקער אינערן־מיניסטער געגעבן אנצוהערן, אז די ראש־המ־דברים ביי דער קייזערלעכער אויפנאמע זאלן זיין באראן גינצ־בורג און הרב פערעלמוטער, ווייל דער רב פערעלמוטער איז זייער באקאנט דעם צאר און ער איז זיכער, אז ער וועט עפעס פועלן.

לײדער איז פון דער גאנצער אוידיענץ גארנישט געווארן, צוליב דער אומגינסטיקער צייט וואס איז דעמאלט געווען.

א צייט שפעטער, געווען איז דאס אין פורים 1914, איז הרב פערעלמוטער ארויסגערופן געווארן פון באראן גינצבורג קיין פעטערבורג, כדי ער, הרב פערעלמוטער, זאל הורך זיין באקאנטשאפט מיטן צאר, זען אויסצופועלן, אז די געפלאנטע גזירות אויף יידן, וועמענס מעמאריאלן און דעקרעט זיינען שוין געלעגן אויפן צארס שרייבטיש, אונטערצושרייבן, — זאלן בטל ווערן אדער אפגעשוואכט ווערן.

הרב פערעלמוטער איז, אין דער באגלייטונג פון רב יואל וואגעמייסטער, אפגעפארן קיין פעטערבורג, ווו ער איז אויפגענומען געווארן פונם באראן מיט גרויס כבוד.

דער דעמאלטיקער אינערן־מיניסטער גארעמיקין האט איינגעלאדן דעם הרב פערעלמוטער און באראן גינצבורג אויף א גלעזל טיי און דארט ביי דעם טיי איז באשלאסן געווארן, אז דער אינערן־מיניסטער וועט בעטן ביים צאר אן אוידיענץ פארן הרב פערעלמוטער. — איך בין זיכער — האט דער מיניסטער געזאגט — אז איר, ראבין פערעלמוטער, וועט ביים צאר מער פועלן ווי מיר מיניסטארן. לײדער איז פון דער רייזע קיין פעטערבורג גארנישט געווארן, ווייל אינצווישן איז דער קרוינפרינץ קראנק געווארן און דער צאר האט קיינעם נישט עמפפאנגען. אזוי, אז הרב פערעלמוטער האט קיין אנ־דערע ברירה נישט געהאט, ווי אהיימפארן, און זיך אומקערן צוריק קיין פעטערבורג אין די חדשים סעפטעמבער־אקטא־

בער, ווען דער צאר וועט שוין זיין צוריקגעקומען פון זיין זומער-פאלאץ.

פון די פלענער איז גארנישט געווארן, ווייל אין א פאר חדשים שפעטער איז אויסגעבראכן די גרויסע וועלט-שרפה, וואס האט חרוב געמאכט די גאנצע וועלט.

אזוי האט הרב פערעלמוטער געלעבט און געארבעט לטובת הכלל. נישט קוקנדיק וואר עס איז, אויב דער יעניקער דארף א טובה, האט עס געמעגט זיין ווי שפעט אין דער נאכט אדער אין דעם גרעסטן פראסט, איז ער געלאפן זיך משתדל זיין פאר דעם געליטענעם. און ער פלעגט עס טון נישט ווי מ׳גייט טון א טובה פאר א „צווייטן". ניין! ער, הרב פערעל-מוטער פלעגט עס אליין איבערלעבן. א צווייטנס א צרה איז געווען זיינס א צרה. און נישט אומזיסט האט די רוסלענדישע און פוילישע באפעלקערונג, סיי יידן סיי קריסטן, געליבט און געאכטעט זייער רב, וועלכער האט זיך פאר זיי מוסר נפש גע-ווען, נישט פארלאנגענדיק קיין דאנק, סיי בסתר און סיי עפנטלעך.

שווער, זייער שווער איז צו באשרייבן די העלדנטאטן פון הרב פערעלמוטער אויפן געביט פון זיין שתדלנות. נאך שווע-רער וועט עס זיין פאר דעם קומענדיקן היסטאריקער, וועלכער וועט דארפן געבן אן אלגעמיינע כאראקטעריסטיק פון דעם גרויסן יידן וועלכער האט נישט איינמאל זיין לעבן איינגע-שטעלט אום צו ראטעווען א מענטשן; שווער וועט עס זיין — ווייל הרב פערעלמוטער איז אנטלאפן פון כבוד. ער האט נישט געוואלט, אז די אלע זאכן וואס ער טוט אויף, זאלן מפורסם ווערן. דערפאר טאקע זיינען די אלע אינטערווענצן וואס ער האט געמאכט לטובת דער יידישער באפעלקערונג פון פוילן, סיי פאר דער מלחמה און סיי נאך דער מלחמה, נישט פאר-צייכנט געווארן. און דאס וואס מ׳ווייסט יא, איז עס נאר צופע-ליקייטן, וואס הרב פערעלמוטער פלעגט דאס דערציילן צווישן אייגענע. אזוי, אז די פאקטן וואס מיר באשרייבן, זיינען א גאנץ קליינער פראצענט קעגן דער גרויסער צאל אויפטוען וואס זיינען נישט באוווסט פון קיינעם, א חוץ פון די יעניקע פאר וועמען ער האט אינטערוועניִרט.

ס'וועט אינטערעסאנט זיין דא ציטירן א קליינעם עפּיזאָד, וואס ה' משה מארק באשרייבט אינם ווארשעווער „טאגבלאט", ייעגן „600 יידישע בערד".

„מיט דער פּטירה פון הרב ר' אברהם צבי פּערלמוטער ז"ל איז אוועק דער גרעסטער יידישער שתדלן פון אונזער צייט.

דאס איז געווען א שתדלן פון אלטן יידישן טיפּ, וואס די געשיכטע פון זיין שתדלנות איז געווען א לאנגע קייט פון אמתער יידישער מסירות-נפש.

די געשיכטע פון די 70 יאר עסקנות און שתדלנות פונם נפטר, וועט ערשט דארפן געשריבן ווערן. און ווען דאס וועט געשען, וועט פאר אונזערע אויגן זיך אנטפּלעקן די שטראלנדע פּערזענלעכקייט, אין איר גאנצער פּראכט און גלאנץ.

דאס גאנצע לעבן פונם גרויסן יידישן שתדלן איז אבער איינגעהילט אין א שלייער פון עכט-יידישער עניוות און צניעות. מיר ווייסן נישט פון אלע זיינע גרויסע העלדן-טאטן לטו-בת דער גערודפטער יידישער אומה.

זאלן דעריבער אונזערע צופעליק צונעקליבענע עפּיזאָדן און פאקטן פונם אפּפערפולן לעבן פון הרב פּערלמוטער ז"ל דינען אלס קליינער צושטייער צו דער כאראקטעריסטיק פונם גרויסן יידישן שתדלן.

אין יענע צייטן פון דער צארישער הערשאפט אין פּוילן, איז ראדאם געווען א וויכטיקער סטראטעגישער פּונקט, ווו עס זיינען געווען קאנצענטרירט גרויסע רוסישע מיליטער-לאגערן. צווישן די סאלדאטן האבן זיך אויך געפונען א גרויסע צאל יידן. הרב פּערלמוטער האט דעריבער כסדר געהאט צו טון מיט שתדלנותן פאר די יידישע זעלנער, וועלכע האבן געהאט צו ליידן גרויסע צרות און עינויים מצד די יידן-פרעסערישע מילי-טער-קאמאנדירן.

„דער טאטע פון די יידישע זעלנער" — מיטן דאזיקן טי-טול איז געקרוינט געווארן דער ראדאמער רב פאר זיינע כסדר-דיקע השתדלותן צו שיצן און פארטיידיקן דאס לעבן און ווירדע פון יידן אין דער רוסישער ארמיי.

פון דער דאזיקער רייכער תקופה אינם לעבן פון הרב

פערלמוטער ווערט דערציילט פאלגנדער כאראקטעריסטישער פאקט:

די צארישע מאכט האט איינמאל גערופן אייניקע יארגענג דינסט-פליכטיקע אויף מיליטערישע איבונגען, וואס האבן גע־דארפט דויערן נישט מער ווי דריי וואכן.

דעם ראדאמער מיליטערישן גארניזאן איז דעריבער צוגע־קומען א גרויסע צאל, פון העכער 600 מאן, „3-וואכעדיקע" יידישע זעלנער.

לויט די מיליטערישע פארשריפטן, איז די צייטווייליקע יידישע זעלנער דערלויבט געווען צו טראגן די בערד. בראש פונם ראדאמער לאגער איז אבער דעמאלט געשטאנען א שונא ישראל, איינער א קורלענדער, וועלכער האט ארויסגעגעבן א שטרענגע פאראררדנונג, אז אלע „דרייוואכעדיקע", אן אויסנאם, מוזן זיך אפגאלן די בערד. ווי דער שטייגער איז, איז דער אנטי־סעמיטישער באפעל געווען מאטיווירט מיט „הומאניטארע" כונות, דאס די יידן זאלן חלילה נישט ארייננפאלן אין עפידע־מישע קו‌אנקהייטן צוליב נישט-ריינע בערד...

אין שטאט האט די בערד-גזירה ארויסגערופן א גרויסע אויפרעגונג, און כנהוג, איז דער רב אוועק מיט א השתדלות.

הרב פערלמוטער איז געווען שטארק געשעצט און גע־אכטעט אפילו ביי די אנטיסעמיטישע גענעראלן. דער ראדא־מער רב האט נישט געמאכט קיין שהיות און תיכף זיך געלאזט מעלדן צום קאמאנדיר. גראד האט דער דאזיקער מיליטערישער אנפירער אליין אויך געטראגן א ברייט-באוואקסענע לאנגע בארד.

בעת הרב פערלמוטער האט זיך באגריסט מיטן קאמאנ־דיר האט ער נישט אויסגערעדט קיין ווארט, נאר אננעמענ־דיק אים פאר דער האנט האט ער אים אזוי צוגעפירט צום שפיגל און טיף זיך איינגעקוקט.

נאך א היפשער ווילע שטילשווייגן רופט זיך ענדלעך אפ דער רב:

— ה׳ קאמאנדיר! מיר קוקן זיךביידע איצט איין אין אונ־זערע לאנגע בערד. צי קאנט איר זיך פארשטעלן, ווי אזוי מיר

וואלטן אויסגעזען, ווען אימיצער שערט אונז איינגאנצן אפּ די בערד ?

— גאספאדין ראווין! — רופט זיך מיט א געלעכטער אפּ דער רוסישער קאמאנדיר — דוכט זיך, אז מיין אייגענע פּרוי וואלט מיך דעמאלט נישט דערקענט!

דער רב האט מיט זיין פראגע גוט געצילט.

— נו, טא ווי אזוי — רופט ער זיך אפּ — קאנט איר, ה׳ קאמאנדיר, פאראָרדנען, אז עלטערע יידן, פאטערס פון קינדער און זיידעס פון אייניקלעך, זאלן זיך אויף דער עלטער מוזן אפּגאלן די בערד ? ווען זיי וועלן נאך די דריי וואכן אהיים־קומען וועט דאך זיי קיינער פון זייערע אייגענע פאמיליעס נישט דערקענען...

בקיצור: די גזירה איז בטל געווארן, און 600 יידישע בערד זיינען געראטעוועט געווארן...

הרב פערעלמוטער בשעת ארויסגעבן זיינע ווערק

קאפיטל 10

אין די מלחמה יארן

די מלחמה, וועלכע האט ארויסגעריסן טויזנטער און טויזנ-
טער יידן מיט זייערע פאמיליעס פון זייערע איינגעפונדעוועטע
היימען, האט אויך הרב פערלמוטער נישט אויסגעמיטן: טאג-
טעגלעך פלעגן קומען דעלעגאציעס צום רב, ער זאל עפעס
טון פאר וייערטוועגן. טאג-טעגלעך פלעגן אנקומען ידיעות
וועגן די גזירות אויף יידן, וואס מוזן פארלאזן זייערע שטעט,
ווייל זיי געפינען זיך נאענט צום פראנט; אדער אפגעהאקטע,
קורצע ידיעהלעך, אז אין דעם אדער אין יענעם שטעטל האט
מען דעם רב אויפגעהאנגען ווייל... זיצנדיק ביי דער גמרא
האט ער געגעבן סיגנאלן — צום שונא...

דעמאלט האט הרב פערלמוטער זיך ארייגעווארפן אין
דעם ים פון צרות און צוזאמען מיט אלע יידן מיטגעווייטיקט
אויפן גרויסן בראך פונם פוילישן און רוסישן יידנטום. ער איז
אינם צרות-ים שטענדיק דער ערשטער געשוואומען, כדי צו
העלפן די נויטבאדערפטיקע. געפארן צום פראנט אין גענע-
ראל-שטאב, כדי אפצושטעלן דאס ארויסטרייבן יידן פון זייע-
רע שטעט. ער, דער פרומער ייד, האט מחלל שבת ויום-טוב
געווען, ווען מען האט געמוזט א יידיש לעבן ראטעווען.

זיין היים איז פארוואנדלט געווארן אין אן אכסניה, ווו
צענדליקער רבנים, ווערנדיק געטריבן קיין ווארשע, און נישט
האבנדיק וווהין צו גיין, האבן ביי אים, ביי הרב פערלמוטער,
א ווארימע היים געפונען, ווו זיי זיינען אויפגענומען געווארן
פון א ווארים פאטערלעך הארץ. געזוכט זיי צו טרייסטן, זיי

מאטעריעל געשטיצט און ווי ווייט מעגלעך איינגעאָרדנט, זיי זאלן קיין נויט נישט ליידן.

עס זיינען נאך דא היינט צו טאג צענדליקער מענשן וואס זיינען געראטעוועט געווארן פון דער תליה, קאטארגע, נאר אדאנק דער השתדלות פון הרב פערלמוטער. א גאנץ באזונדערער פאל איז, עס געווען מיט א קרוב פון ה' טורש אין ווארשע. דעם ה' טורש'ס א קרוב איז אומשולדיקערהייט פארמשפט געווארן צום הענגען. די גרעסטע אדוואקאטן, די גרעסטע פערזענלעכקייטן האבן פאר דעם יונגנמאן אינטערוועגירט, אבער — אן דערפאלג. דער משפט איז געווען אן אונטערגעחתמעטער. הרב פערלמוטער איז אוועק צום הויפט-ריכטער און געבעטן, אז מען זאל דעם פראצעס נאכאמאל רעווידירן. אבער דער ריכטער האט געענטפערט: ליידער איז עס שוין צו שפעט — מארגן פארטאג דארף דער מענש געהאנגען ווערן. נישט האבנדיק מער וואס צו פארלירן, איז הרב פערלמוטער געפאלן דעם ריכטער צו די פיס און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אפצושטעלן די עקזעקוציע. און ווען דאס געוויין האט אויך נישט געהאלפן, האט הרב פערלמוטער זיין העמד אויפגעריסן און צום ריכטער געזאגט: אויב איר ווילט אן אומשולדיקן מענשן אומברענגען, טא הייסט פריער מיך שיסן. דא איז מיין הארץ, און שיס. ווייל דער יונגערמאן איז אומשולדיק. דער ריכטער האט זיך באלד פארשטענדיקט מיטן פראקוראר, די עקזעקוציע איז אפגעשטעלט געווארן. דער פראצעס איז נאכאמאל רעווידירט געווארן, און דער יונגערמאן איז באפרייט געווארן.

אפטמאל פלעגן די בני בית פון הרב פערלמוטער באאומרואיקט ווערן צוליב דעם פארשווינדן ווערן פון זייער פאטער, און אפילו נישט געוווסט ווו אים צו זוכן. ס'האט פאסירט, אז הרב פערלמוטער פלעגט אוועקגיין פון שטוב און פארפאלן ווערן אויף א פאר טאג. צוריקקומענדיק פלעגט ער זיין אויסגעמאטערט, צוזאמענגעבראכן. דאס פלעגט ער קומען פון שטעט און שטעטלעך, ווו ער איז געפארן מציל זיין יידן פון א ביטערער גזירה, אדער ער האט געמוזט אויפן פראנט שטיין א מעת-לעת און אפווארטן א גענעראל, כדי ביי אים עפעס צו

פועלן. און אַנשטאָט זיך אויסצורוען איז ער באַלד, ווי נאָר מ׳האָט זיך צו אים געווענדעט נאָך הילף, ווייטער געלאָפן און אומדערמידלעך געאַרבעט — פאַר זיינע נויטבאַדערפטיקע ברידער, וועלכע זיינען געשלאָגן געוואָרן דורכן ביטערן מלח־מה-גורל.

מיט זעקס מינוט צו שפּעט

גאַטס צאַרן האָט זיך געהאַט אויסגעגאָסן אויפן פּוילישן יידנטום. די טעג זיינען געווען גרויע און האָבן מיט זיך גע־בראַכט אַלץ מער און מער קלעפּ אויפן יידישן רוקן. איבער וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך אַן שום ציל פּורלעך געשלעפּט מיטן איבערבלייב פון יידיש האָב און גוטס. פון דאָ און דאָרט האָבן זיך אָפּגעריסן ידיעהלעך וועגן פרישע גזירות און נגישות. טרייסט און הילף זיינען פון דער ערד אָפּגעמעקט געוואָרן. דער ייד איז געוואָרן הפקר. ס׳איז געוואָרן גענוג געווען, אַז אַ שגצ׳ל זאָל אָנווייזן, אַז דער אָדער יענער ייד איז אַ שפּיאָן, און דער ייד פלעגט געהאַנגען אָדער געשאָסן ווערן, נישט ווערנדיק אויס־געפרעגט אָדער אויסגעפאָרשט צי ס׳איז אמת דאָס וואָס דער שגצ׳ל האָט געזאָגט.

אין איינעם אַ פאַרטאָג האָט מען אָנגעהויבן רייסן די טיר פון הרב פערלמוטער. ס׳זיינען געקומען אַ פּאָר יונגעלייט פון ראַדאָם, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און זיך דורכ־געריסן קיין וואַרשע. זיי האָבן דערציילט פאַלגנדעס: דער זון פון אַלעקסאַנדרער רבין, ר׳ פייוועלע, איז געזעסן און געלערנט גמרא צוזאַמען מיט זיינס אַ שוואָגער. מיטאַמאָל — די טיר פראַלט זיך אויף, ס׳קומען אַריין אַ פּאָר קאָזאַקן און הייסן די צוויי יונגעלייט מיטגיין מיט זיך. געקומען אין דער קאָמענדאַנ־טור, האָט מען זיי באַשולדיקט אין האָבן גערעדט מיט אַ דייטש און אים פאַרקויפט אַ פערד. ס׳האָבן נישט געהאָלפן די גע־וויינען און אויך נישט די דעלעגאַציעס פון די ראַדאָמער פני; מ׳האָט די יונגעלייט נישט געוואָלט באַפרייען. איז געבליבן — מיר זאָלן פאָרן צו אייך, רבי, און נאָר איר קאָנט מציל זיין צוויי יונגע לעבנס פון זיכערן טויט.

הרב פערלמוטער איז גלייך אוועק קיין ראדאם, אבער ס'איז שוין לײדער געװען צו שפעט. מ'האט די יונגעלייט צוגע־בונדן צו די עקן פון די פערד און אזוי זיי געשלעפט ביז אין װאלד אריין. און דארט האט מען זיי אויפגעהאנגען. װען הרב פערלמוטער האט זיך דערוואוסט, אז ער איז געקומען מיט זעקס מינוט צו שפעט, האט ער זיך שטארק צעוויינט און לאנג־לאנג נישט געקאנט זיך בארואיקן. א צעבראכענער האט ער פאר־לאזט ראדאם. ראדאם, די שטאט װו ער איז געװען אזוי פיל יארן רב; דעם װאלד, װו ער פלעגט א סך מאל גיין שפאצירן. און איצט? איצט װיינט דארט דער װינט צוויי אומשולדיקע מענשן.

אונטערן טיטול „דער גרויסער יידישער שתדלן" (עפיזאדן און פאקטן פון דער רומפולער טעטיקייט פון הרב ר' אברהם צבי פערלמוטער ז"ל), שרייבט צווישן אנדערעס ה' משה מארק פאלגנדעס:

גירוש שעדלעץ

אין יאר 1915.

די וועלט־מלחמה האט געהאלטן אין מיטן ברען. די רוסי־שע ארמעע האט געליטן איין מפלה נאך דער צווייטער. נישט קאנענדיק אויסהאלטן דעם געפערלעכן דייטשן אנגריף, האט זיך ניקאלאי'ס מיליטער אין פוילן גענומען צוריקציען אין גרויס בהלה.

אלס הויפט־קאמאנדיר איבער דער דרום־ארמעע האט זיך אין פוילן געפונען גענעראל דאנילאוו, וועלכער איז געווען די רעכטע האנט און ערשטער יועץ פונם טרויעריק־בארימטן צורר־היהודים, פון דעם הויפט־ארמעע־קאמאנדיר ניקאלאי ניקאלאיעוויטש.

פאר די יידן אין די וואקואירטע ערטער האט זיך אנגע־הויבן א צייט פון די שווערסטע צרות און נגישות. די שלים־מזלדיקע רוסישע סטראטעגיקער, וועלנדיק פארטומלען זייערע ווייסטע מפלות, האבן זיך גענומען פאר א „שעיר לעזאזל" די...

יידישע שפּיאָנען, וועלכע טראָגן דאָס די שולד פאַר די רוסישע דורכפאַלן.

אין יענער צייט איז די גרויסע יידישע קהלה אין שעדלעץ אויפגעציטערט געוואָרן פון דער מוראדיקער ידיעה, אַז ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אונטערגעשריבן אַ גירוש-גזירה פאַר אַלע יידן פון שעדלעץ און פון די אַרומיקע ערטער.

ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן די פּאַניק וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן די טויזנטער יידישע משפחות אין פּאָדלאַשער געגנט. די צייט איז געווען קורץ, ווייל דער גירוש האָט געזאָלט געשען במשך פון 3 טעג. אויפן אָרט איז פאַר די דאָרטיקע יידישע עסקנים גאָרנישט מעגלעך געווען אויפצוטון. זיי זיינען בלויז דערגאַנגען, אַז שולדיק אין דער ביטערער גזירה איז דער קאָמאַנדיר פון דער שעדלעצער רוסישער מיליטערישער דיוויזיע מיראָנאָווסקי, וועלכער האָט צוגעשיקט צום גענעראַל-שטאַב אַ געהיימען ראַפּאָרט מיט די נידערטרעכטיקסטע מסירות אויף יידן און היפּטעוועלעך, אַז זיי זיינען כמעט אַלע דייטשע שפּיאָנען.

אין דער עת-צרה איז געבליבן די איינציקע האָפנונג — הרב פּערעלמוטער. אום סאַמע ערב שבועות איז טאַקע קיין וואַרשע אָראָפּגעקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע פון די אומגליקלעכע שעדלעצער יידן.

די יידישע כלל-טוער אין וואַרשע זיינען געווען העכסט פאַרצווייפלט. דער גורל פון די טויזנטער יידן האָט זיך געפונען בלויז אין די הענט פון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. צום אומגליק, האָט זיך דער רוסישער גענעראַל-שטאַב נישט געפונען אויף איין אָרט, אַזוי, דאָס מען האָט נישט געגוי געוווסט ווו אים צו געפינען.

הרב פּערעלמוטער האָט זיך גלייך אַנטשלאָסן צו לאָזן אין דעם געפערלעכן וועג אַריין, אויסצוגעפינען דעם לאַגער פונם גענעראַל-שטאַב. עס איז געווען אַ ידיעה, אַז די קאָמאַנדירן געפינען זיך אין כעלם. צוליב דעם פּקוח-נפש פון טויזנטער יידן איז דער ראַדאָמער רב, אין באַגלייטונג פון נאָך עטלעכע עסקנים, דעם ערשטן טאָג שבועות אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג פון כעלם.

מען דארף נישט באשרייבן, מיט וויפיל סכנות ס'איז געווען פארבונדן אזא נסיעה אויף דער סאמע פראנט-ליניע. ווען די דעפּוטאציע איז צום גרויסן גליק בשלום אנגעקומען קיין כעלם, האט זיך אנגעהויבן די ערשטע ארבעט מ'זאל די דעפּוטאציע דערלאזן צום הויפּט-קאמאנדיר.

ווען דער דאזיקער אויפנאמע פונם פּאטריארכאלישן גרייז-גרויען רב ביי די געפערלעכסטע שונאי-ישראל, וואס איז דערביי פארגעקומען אונטער דער באגלייטונג פון דונער-שאסן פון די דייטשע „42-ער", קורסירן ארום פארשידענע לעגענ-דעס.

מיטן פשוטן שכל איז באמת נישט משיג צו זיין ווי אזוי עס האט זיך דעם גרויסן יידישן שתדלן איינגעגעבן אפצושריי-ען דעם „גירוש שעדלעץ".

מען דערציילט, אז בעת דער דרום-קאמאנדיר דאנילאוו האט געגומען שיטן באשולדיקונגען, אז די יידן זיינען דייטשע שפיאנען, האט הרב פערעלמוטער אויסגעבראכן אין אזא יא-מערלעך געוויין, אז די אכזריותדיקע הערצער פון די בלוטיקע גענעראלן זיינען אויך געווארן טיף גערירט.

דער גרייז-גרויער רב האט אויפגעהויבן די וויינענדיקע אויגן צום הימל און פאטעטיש אויסגערופן:

„איך שווער ביים הייליקן ג—ט אין הימל, אז די מסירות אויף די שעדלעצער יידן זיינען בייזע בלבולים פון די יידישע שונאים! די יידן זיינען אומשולדיק!"

און הרב פערעלמוטער האט אויך דעמאלט פועל-ישועות געווען. דער געפּלאנטער „גירוש שעדלעץ" איז געבליבן בלויז א טרויעריקער עפּיזאד אין דער קרבנות-פולער געשיכטע פון יידישן פאלק בעת דער בלוטיקער וועלט-מלחמה.

האבנדיק אפגעשריגן דעם „גירוש שעדלעץ", האט איינער פון די רוסישע אדל-לייט, אליין א דעמאקראט, און אן אינטי-מער פריינט פון הרב פערעלמוטער, אים געלאזט וויסן, אז דער צורר-היהודים ניקאלאי ניקאלאיעוויטש פלאנט ארויסצו-שיקן אלע יידן פון ווארשע, פונקט ווי ער האט דאס געטאן מיט די יידן פון אנדערע שטעט. און דער רוסישער אדלמאן

ראט דעם הרב פערעלמוטער, נישט צו פארלירן קיין צייט און גלייך עפעס טון, אז די גזירה זאל בטל ווערן.

דער גורל האט געוואלט, אז דער גענעראל-שטאב פון דער רוסישער ארמעע זאל זיך געפינען אין דער שטאט, פאר ווע-מענס יידישער באפעלקערונג הרב פערעלמוטער האט זיך מיט מסירת נפש איינגעשטעלט — דער שטאב איז געווען איינקווארטירט אין שעדלעץ און זיין הויפט-אנפירער איז דע-מאלט געווען דער גענעראל אלעקסעיעוו.

נישט ווילנדיק פארלירן קיין צייט, האט ער זיך באזארגט מיט א רעקאמענדאציע-בריוו צום גענעראל און זיך געלאזט אין וועג אריין.

דער באן-פארקער אין פוילן איז דעמאלט געווען א זייער שווערער. די באנען זיינען נישט געגאנגען נארמאל; און אויב ס'איז יא געגאנגען א צוג, האט מען קיינמאל נישט געקאנט זיין זיכער, צי ער וועט נישט שטיין בלייבן אין מיטן וועג, אדורכצולאזן מיליטערישע צוגן, וועלכע האבן זיך אומענדלעך געשלעפט איבער אלע וועגן.

שטייענדיק אזוי אויפן וואקזאל, האט הרב פערעלמוטער דערזען ווי א מיליטער-צוג פארט אפ קיין שעדלעץ. נישט איבערטראכטנדיק קיין איין מינוט און וואסערע סכנה ער שטעלט זיך, האט ער זיך ארויפגעכאפט אויפן צוג. די וואגאנען זיינען געווען געפאקט מיט סאלדאטן, און דאס איינציקע ארט וו זיך אהינצוטון איז געווען — אויף די טרעפ, וועלכע זיינען אייך געווען אנגעפיקעוועט מיט צעהוליעטע סאלדאטן וועלכע האבן נאר געוואלט דעם אלטן רב אראפווארפן אינמיטן פארן. אבער א נס איז געשען. פון א וואגאן איז ארויס א מאיאר, וועלכער האט הרב פערעלמוטער גוט געקענט בעת ער איז נאך געווען ראדאמער רב, און אים מציל געווען פון א זיכערן טויט. און ער איז אנגעקומען קיין שעדלעץ.

נאך שווערע מי איז עס הרב פערעלמוטער געלונגען צו-צוקומען צום גענעראל-שטאב און אויפגענומען צו ווערן פונם גענעראל אלעקסעיעוו, וועלכער האט זיך זייער פאראינטערע-סירט מיט דער בקשה פון הרב פערעלמוטער צוזאגנדיק אים, אז די יידן אין ווארשע וועט חלילה קיין שלעכטס נישט געשען

— אונטער איין באדינג: די יידן זאלן זיך האלטן רואיק און נישט מישן זיך אין פאליטיק... פשוט געגעבן אנצוהערן, אז יידן זאלן זיך נישט פארנעמען מיט שפיאנאזש.

דער גרויסער יידישער שתדלן הרב פערעלמוטער האט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויפגעוויזן אויף די פאלשע בלבולים, אז דאס איז נישט מער ווי פראוואקאציעס פון יידישע שונאים, וועלכע ווילן נאר מאכן א צעשפליטערונג אינם לאנד, כדי רוסלאנדס נאמען זאל אין דער פרעמד ווערן צו שאנד און צו שפאט. נישט יידן זיינען די שפיאנען, נאר די יעניקע וועלכע קומען און מסרן אויף יידן, אט זיי זיינען דאס די יעניקע וואס דינען דעם שונא.

דער רעזולטאט פון דער רייזע נאך שעדלעץ? — דער גירוש ווארשע איז צונישט געווארן.

די רוסישע רעגירונג וויל, אז הרב פערעלמוטער זאל פארלאזן פוילן

רוסלאנדס הערשאפט איבער פוילן האט זיך געקייקלט בארג אראפ. צווישן רוסישן מיליטער האט געהערשט א פאניק. ווער ס'האט נאר געקאנט האט זיך געראטעוועט פון שונא'ס האנט און איז געלאפן אלץ טיפער קיין רוסלאנד. איבער די ווארשעווער גאסן האבן זיך געצויגן גרויסע וועגענער, וועלכע האבן געפירט די ארכיוון א. ד. גל. דער „אלמעכטיקער צאר" האט זיך עוואקואירט.

אין יענע טעג, איז דער ווארשעווער אבער-פאליציימייסטער געקומען צו הרב פערעלמוטער און אים איבערגעגעבן א בריוו פון דער מאכט, ווו מ'בעט אים צו פארלאזן ווארשע און זיך באזעצן אין מאסקווע אדער פעטערבורג. די רעגירונג נעמט אויף זיך די גאנצע רייזע-קאסטן ווי דאס איינארדנען אים א נייע היים מיט אלע באקוועמלעכקייטן, ביז — ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

איבערלייענענדיק דעם בריוו און אויסהערנדיק דעם אבער-פאליציימייסטער, האט הרב פערעלמוטער געדאנקט דעמזעלבן

וואס ער האט זיך מטריח געווען צו אים, געדאנקט דער רעגי־רונג פאר דעם חסד און אויפמערקזאמקייט וואס זי ווייזט ארויס צו אים, אבער, ביים בעסטן ווילן, קאן ער די איינלאדונג נישט אננעמען. איך טאר פוילן נישט פארלאזן — האט ער צום אבער־פאליציימייסטער געזאגט. — איך בלייבן דא ווו מ׳האט מיך נויטיק, ווו דאס לעבן פון מיינע ברידער איז אין סכנה. די פוילישע ערד, וואס איז אנגעזאפט געווארן פון יידיש בלוט, לאזט מיך נישט אוועק.

ווען דער אבער־פאליצייטייסטער האט אנגעהויבן צו שיל־דערן די סכנה וואס שטייט פאר, אויב דער שונא וועט אריינ־קומען קיין ווארשע, האט אים הרב פערעלמוטער געענט־פערט: דאס וואס עס וועט זיין מיט אלע יידן וועט מיט מיר אויך זיין. — איך פאר נישט.

ס׳איז אפילו באקאנט, אז א גרויסער קאטוילישער גייסט־לעכער האט זיך אויך געווענדעט צום גרויסן יידישן שתדלן, ער זאל ארויספארן קיין רוסלאנד, ווו ס׳איז רואיקער און זיכע־רער. אבער הרב פערעלמוטער האט פון פארלאזן פוילן נישט געוואלט הערן, נישט קוקנדיק אויף דעם וואס א סך יידישע געזעלשאפטלעכע טוער זיינען יא פון פוילן אוועקגעפארן.

ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאנט, איז הרב פערעלמוטער געווען באקאנט איבער גאנץ רוסלאנד און פוילן, אנפאנגענדיק פונם קלענסטן טשינאווניק ביזן צאר אליין. אום דאס נאכאמאל צו באשטעטיקן, ווילן מיר דא ברענגען פאלגנדן עפיזאד, וואס עס באשרייבט ה׳ מ. מארק.

אין זכות פון זיידן

זייט צענדליקער יארן האט הרב פערעלמוטער עוסק גע־ווען אין שתדלנות צו ראטעווען און העלפן יידן אין עת־צרה. און איז אים דער זכות בייגעשטאנען, אז בלויז צוליב זיין נאמען איז זיין אייגן אייניקל געראטעוועט געווארן פון א שרעקלעכן טויט.

אין יאר 1916 האט הרב פערעלמוטערס אן אייניקל, אליעזר שאטלאנד (היינט איז ער אליין רב אין פעטערסאן,

אמעריקע), זיך געפונען אין דווינסק. איז באשערט געווען, דאס מיט אים אליין זאל פאסירן א שפיאנאזש-געשיכטע.

געשען איז עס אזוי: הרב שאטלאנד, דעמאלט נאך א גאר יונגער מאן, האט געהאט אן אמת-יידישע טבע, מחמת גרויס חריפות שטענדיק צו האלטן אין איין שרייבן מיט דער האנט. אויף יעדן פאפיר, יעדן קוויטל פלעגט ער אין א פרייער מינוט נאר שרייבן.

גראד האט זיך אויפן זעלבן הויף, ווו שאטלאנד האט גע-וואוינט, געפונען א גילזן-פאבריק. האבן זיך נאטירלעך אומע-טום ארומגעוואלגערט גילזן-פאפירלעך. דעם ראדאמער רב'ס אייניקל האט אזוי נישט-ווילנדיק עטלעכע מאל אנגעשריבן עטלעכע ווערטער אין דער דייטשער שפראך אויף אזעלכע גילזן-פאפירלעך, און זיי דערנאך אריינגעלייגט אין קעשענע.

די רוסישע ארמעע אין דווינסק האט אויך געטראפן דער זעלבער גורל וואס איבעראל. האט מען זיך דערפאר שטארק גענומען זוכן די געהיימע שפיאנען. דורכפירנדיק צופעליק א רעוויזיע ביי דעם יונגנמאן שאטלאנד, האבן רוסישע אגענטן געפונען ביי אים אין די קעשענעס גילזן-פאפירלעך אנגעשרי-בענע מיט אומפארשטענדלעכע ווערטער.

די צארישע אגענטן האבן זיך מיט דער מציאה שטארק דערפרייט. עפעס א קלייניקייט, אזא „אנטדעקונג"? זיי האבן גלייך אויסגעפונען דעם געהיימען „סוד" דאס די געפונענע פאפירלעך זיינען ספעציעל דינע, כדי מען זאל זיי קאנען איבערשיקן מיטן ווינט אויף יענער זייט, צו די דייטשן אויפן פראנט...

קיין בעסערע באווייזן האט די צארישע מאכט נישט גע-דארפט האבן. זיי האבן אן גרויסע שהיות אויף א פעלד-געריכט פארמשפט דעם הרב שאטלאנד צו הענגען. עס האבן נישט געהאלפן קיין שום אויפקלערונגען און תחנונים פונם פאר-משפטן מיט זיין משפחה. די זאך איז פאר די צארישע אגענטן געווען זייער קלאר, און מ'האט זיך שוין געגרייט אויסצופירן דעם שרעקלעכן אורטייל.

הרב שאטלאנד, דאס אייניקל פונם גרויסן רב האט פאר זיך געזען די לעצטע שעה'ן פון זיין לעבן. דער גזר איז שוין

געהתמעט. ער האט זיך גענומען גרייטן צו דער ווידוי.

די מינוטן ביים פארמשפטן אין קאמער האבן זיך געררוקט מיט שווערע טריט. הרב שאטלאנד האט זיך שוין מיאש געווען פון רעטונג. פלוצים הערט זיך א לייכטער קלאפ אין טיר. עס באווייזט זיך גלייך א העכערער רוסישער מיליטער-מאן. דער פאראורטיילטער וויל צומאל אויף אים נישט קיין בליק טון: מסתמא איז יענער אויפסניי געקומען אים אויספארשן.

אבער אומגעריכט פאלט א פראגע:

— זייט איר אן אייניקל פונם גרויסן ראווין פערעלמוטער?

דער צום טויט-פאראורטיילטער גיט א צאפל-אויף. פון וואנען וויים דער גענעראל זיין יחוס? איז נאך הייסט עס יא פאראן א שטראל פון האפנונג?

און ביז שאטלאנד האט נאך נישט באוויזן צו ענטפערן, רופט ווייטער דער רוסישער גענעראל אוים:

— גאספאדין! איר זייט פריי! כ'קען גוט דעם גרויסן ראווין פערעלמוטער און כ'בין פולשטענדיק איבערצייגט, אז זיין אייניקל איז נישט קיין דייטשער שפיאן!

קאפיטל 11

אונטער דעם דייטש'ס ממשלה

אויב ביי דער רוסישער הערשאפט איז הרב פערעלמוטער תמיד געווען פארנומען אין כסדרדיקע אינטערווענצן פאר דער יידישער באפעלקערונג, האט מען זיכער געמיינט, אז ביים דייטש וועט ער קאנען רואיק לעבן, זיך קאנען אויסרוען פון אזויפיל יארן ליידן און פיין. אבער נישט לאנג האט געדויערט און ווידער איז דער אלטער מאן אריינגעריסן געווארן אינם קעסל פון יידישער נויט. יידן, נישט האבנדיק וואס צו טון, זיינען פארנארט געווארן צו צוואנג-ארבעט, ווו מ'האט זיי צוגעזאגט גאלדענע בערג... דער סוף איז געווען, אז מ'פלעגט זיי פארשלעפן אין די וועלדער אדער אין די אמוניציע-פאבריקן, פונוואנען ס'פלעגן מיט מסירת נפש אנקומען בריוו מ'זאל זיי ראטעווען פון דעם דייטשן גיהנום. אדער —

יידן האבן אין פוילן אביסל תבואה געמסחר'ט, פלעגט דאס דער דייטש ביי זיי צונעמען און צו גלייבער צייט אויך זייער לעצטן ביסן פון מויל אוועקגענומען. פלעגן הילפלאזע פרויען, וועמענס מענער ס'האבן אין די לאגערן געשמאכטעט, ביי וועמענס מענער מ'האט זייער לעצטן ביסן צוגענומען, קימען צום רב בעטן הילף: נאר איר, רבי, קאנט אונז ראטעווען. נאר איר, רבי, קאנט אונז העלפן.

נישט געקוקט אויף זיין שוואכן געזונט-צושטאנד, פלעגט ער דאך נישט איינרוען און געהאלפן די אלע וועלכע האבן זיך גענויטיקט אין זיין הילף.

טויזנטער און צענערטויזנטער יונגעלייט זיינען אוועק אין

דער מלחמה, איבערלאזנדיק פרויען און קינדער. כל זמן דער רוס איז נאך געווען אין פוילן, פלעגן די פרויען באקומען פון זייערע מענער בריוו; אדער דער רוסישער רויטער קרייץ פלעגט מעלדן: דער סאלדאט מיטן נאמען... איז ביי דעם אין דעם פראנט דערהרגעט געווארן; אדער: אייער מאן איז פאר-וואונדעט געווארן... געפינט זיך אין דעם שפיטאל... א גאר גליקלעכע ידיעה איז געווען: דער און דער איז ארייגעפאלן אין געפאנגענשאפט.

אפטמאל פלעגן די ידיעות זיך ארויסווייזן פאר פאלש און פלעגן די אנטשפרעכנדע פערזאנען פארפירן אין א טעות. אבער א שטיקל גליק איז עס דאך געווען ווען מ׳פלעגט אזא בריוול באקומען.

מיטן רוס׳ אפטרעטן פון פוילן, זיינען טויזנטער פרויען געבליבן עגונות, קינדער — לעבעדיקע יתומים און ווער ס׳זאל פאר זיי זארגן איז נישט געווען. הרב פערעלמוטער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך מיט דעם אנגעווייטיקטן ענין פאראינטערעסירט, און א סך פרויען, וועלכע וואלטן געדארפט זייער לעבן אפפינסטערן, זיינען באפרייט געווארן פון זייערע ליידן. ער האט אנגעהויבן ארבעטן איף דעם ווערק „היתר עגונות", און אויף דעם געביט אויפגעטאן זייער פיל גרויסע זאכן, ארויסווייזנדיק זיין גאונישאפט.

ווען ס׳איז פון די דייטשן געשאפן געווארן דער פוילישער מלוכה-ראט, איז הרב פערעלמוטער געווען איינער פון די מלוכה-ראטמענער און פארטיידיקט די אינטערעסן פונם פוי-לישן יידנטום.

קאפיטל 12

אונטער פוילענס ממשלה און זיין ארבעט לטובת הכלל

איף וויפיל הרב פערעלמוטער איז געווען באקאנט און בארימט אונטער דער רוסישער ווי אונטער דער דייטשער הערשאפט, איז זיין חשיבות און פאפולאריטעט ירשט געוואקסן, ווען פוילן האט איבערגענומען די מאכט.

ביים ערשטן סיים, איז ער מיט א גרויסער מערהייט געווילט געווארן פון דער לובלינער געגנט אלס דעפוטאט. און אלס עלטסטער מיטגליד פונם סיים האט ער דערמעלבן דערעפנט, האלטנדיק דערביי א פרעכטיקע רעדע, וועלכע האט געדויערט איבער צוויי שעה.

ער, דער תלמיד פונם גרויסן פוילישן פרייהייטס-קעמפער, פונם ווארשעווער רב ר׳ בעריש מייזעלס, האט פון דער לאנג אויסגעחלומטער פוילישער טריבונע גערופן פוילנס קינדער צוזאמענצוארבעטן און אויפצובויען דאס אמאליקע פוילן וואס איז געלעגן אזא צייט צעשמעטערט און פארגעוואלטיקט אונטער די שטיוול פון רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך.

לאנג, זייער לאנג וועט זיין איינגעקריצט הרב פערעלמוטערס רעדע אינם זכרון פון די יעניקע, וואס האבן געקאנט בייוואוינען די ערשטע דערעפענונג פונם פוילישן סיים.

ווען הרב פערעלמוטער האט זיין גייסטרייכע רעדע געענדיקט, איז ער באווארפן געווארן מיט בלומען און האט פאר-

לאזט די טריבונע אונטער הילכיקע אפּלאדיסמענטן פון דעם פאַרזאַמלטן עולם.

ווען די ערשטע פּוילישע פּראַצעסיע איז געגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן, האָט מען הרב פּערעלמוטער צוגעטיילט דעם כבוד צו טראָגן די אַלטע היסטאָרישע פּוילישע פאַן. בעת די רעדעס וואָס מ׳האָט דעמאָלט געהאַלטן, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך באַטייליקן אינם אויפבוי פון דער מלוכה, האָט הרב פּע-רעלמוטער אויך געהאַלטן אַ רעדע פאַר דעם צענטויזנטקעפּיקן המון, אויפפאָדערנדיק דאָס פאָלק צו העלפן דער מלוכה פאַר-פעסטיקן איר וואַלוטע, בענטשנדיק דערביי דאָס לאַנד, אַז דער פּוילישער גילדן זאָל אינגיכן איבעריאָגן דעם דייטשן מאַרק — וואָס איז אויך אינגיכן מקוים געוואָרן. (דאָס איז געווען אין דער צייט פון דייטשלאַנדס אינפלאַציע).

אין די פּוילישע מלוכה-ספערן האָט מען זיך מיט גרויס רעספּעקט באַצויגן צום הרב פּערעלמוטער, ווייסנדיק, אַז ער איז נאָענט באַפרײַנדעט מיט דעם דעמאָלטיקן מלוכה-רעגענט פּאַדערעווסקי, דעם פעלדמאַרשאַל פּילסודסקי, מיט די גראַפן ראַדזשיווויל׳ס א. א., וועלכע האָבן זיך געשעצט גליקלעך, אַז זיי האָבן געקאָנט זײַן באַפרײַנדעט מיט דעם זקן-הרבנים, מיט דעם פײַנפילנדיקן יידן און גרויסן פּאָליטיקער. און אַדאַנק דעם האָט ער טאַקע געקאָנט אַ סך אויפטון פאַר דעם רבים ווי פאַרן יחיד. ווייל זיין פּאָליטיק איז געווען — פאַרשטענדיקונג מיט דער רעגירונג.

אמת, מיר יידן זיינען און מוזן זיין גלייכבארעכטיקטע ביר-גער, אבער מ׳דאַרף וויסן ווי אַזוי צו באַהאַנדלען די פראַגע. — פלעגט הרב פּערעלמוטער זאָגן. נישט איינמאָל פלעגט ער צו די יידישע דעפּוטאַטן זאָגן: — קינדער, קלויבט אייך אויס דעם לייכטערן וועג. שרייט נישט, פּילדערט נישט, פּרוּ-בירט מיט גוטן ווירקן, און איר וועט מער אויספירן ווי מיט אייער שרייען.

די יידישע דעפּוטאַטן און איבערהויפּט די „קאָלאָ"-דעפּו-טאַטן, האָבן דעם אַלטן רב פאַרגעוואָרפן, אַז ער זינגט „מה-יפית" דער רעגירונג. ס׳איז אָבער נישט אמת זייער באַהויפּ-

טונג. הרב פערעלמוטער האט אנגעפירט מיט א מעסיקערער פאליטיק, און דער פאקט איז, אז ער האט אין זיין צייט אויפגעטאן לפי ערך מער, ווי עס האבן אויפגעטאן די אנדערע יידישע דעפוטאטן, וועלכע האבן נישט געזונגען „מה יפית" און יא געמאכט געוואלדן. און וואלטן די יידישע דעפוטאטן נאכגעפאלגט זיין פאליטיק, וואלט די וואנט, וואס שטייט נאך עד היום צווישן דער פוילישער און יידישער באפעלקערונג, לאנג שוין געווען דורכגעבראכן און די פוילישע יידן וואלטן א סך לייכטער געלעבט.

עס איז דאך קיין סוד נישט, אז א סך מאנאפאל-קאנצעסיעס וואס יידן האבן באקומען, אדער דאס דערלויבן יידן צו עפענען זייערע פארמאכטע ווערקשטעט, איז געקומען נאר אדאנק הרב פערעלמוטער. און געפועלט האט ער אלץ דוקא דעמאלט ווען ער האט פון דער סיים-טריבונע געבעטן טובות, הנחות, פאר זיינע אומגליקלעכע יידישע ברידער.

א חוץ זיין פארלאמענטארישער ארבעט, האט זיך הרב פערעלמוטער אפגעגעבן מיט טון טובות פאר יידן. געהאלפן ווו און וועמען ער האט געקאנט. ס'וועט גענוג זיין איבערצוגעבן דעם קליינעם עפיזאד, כדי צו זען ווי שטארק באליבט און געאכטעט ער איז געווען ביי דער מאכט.

א יידישער דעפוטאט, א גרויסער כלל-טוער איז געקומען צום יוסטיץ-מיניסטער בעטן א טובה פאר זיינס א ידיד וועלכער איז געזעסן אין ציטאדעל. דער מיניסטער האט דעם דעפוטאט די אינטערווענץ אפגעזאגט, באמערקנדיק דערביי, אז ווען הרב פערעלמוטער וואלט פאר דער זאך אינטערווענירט, וואלט ער די בקשה יא דערפילט. דער דעפוטאט איז געווארן אויפגערעגט און א פרעג געטאן דעם מיניסטער: מיט וואס איז דעפוטאט פערעלמוטער מער יחסן פון מיר ? טוט ער מער אויף אין סיים ווי איך? ער זיצט זיך אין א באזונדער ווינקעלע און כאפט א דרימל. וואס נאך טוט ער אויף ?

— ער, דער דעפוטאט פערעלמוטער — האט דער מיניסטער געענטפערט — מעג רואיק דרימלען. אבער ער טוט מער דרימלענדיקערהייט ווי איר שרייענדיק.

די בקשה פון דעם דעפוטאט צו באפרייען דעם יידן, האט

דער מיניסטער דערפילט, נאר אדאנק דער אינטערווענץ פון הרב פערעלמוטער, וועלכער האט טעלעפאנירט צום מיניס-טער בעטנדיק אין אכט צו נעמען די בקשה פון דעם יידישן דעפוטאט.

נישט געווען דער טאג, וואס הרב פערעלמוטער זאל נישט זיין אין א רעגירונגס-אינסטיטוציע, בעטן עפעס פאר א יידן א טובה. און איבעראל פלעגט ער אויספירן. און ס׳פלעגט זיך מאכן, אז די טובות וואס ער האט געבעטן האבן נישט געקאנט מקוים ווערן, פלעגט ער דערפון זייער פיל ליידן.

צו דעם בינטל פאקטן פון הרב פערעלמוטערס שתדלנות וועלן מיר ברענגען נאך אייניקע, כדי דער לייענער זאל זיך נאך נאענטער באקענען מיט דעם גרויסן יידן וועלכער האט זיין גאנץ לעבן אפגעגעבן לטובת הכלל און איז דאך אויפ-געגעסן געווארן, באשמוצט געווארן צוליב קנאה-שנאה.

אין זיין נעקראלאג נאך דעם ראדאמער רב ז״ל שרייבט ה׳ א. ב. עקערמאן צוו. אנד. פאלגנדעס:

דער שרייבער פון די שורות האט בעת דער גאנצער עק-זיסטענץ פונם ערשטן סיים און א צייט דערנאך גאנץ נאענט מיטגעארבעט מיטן נפטר ז״ל אין פארשידענע כלל-ענינים, ביי אינטערווענצן און ענלעכע זאכן, און ממילא האב איך געמוזט מיטמאכן פארשידענע עגמת-נפשן און אפילו געפארן. אבער נאך היינט מוז איך שטוינען, ווען איך דערמאן זיך מיט וואסער ברען, מיט וויפיל יוגנטלעכקייט דער אלטער רב ז״ל פלעגט זיך אונטערנעמען א טובה צו טון א יידן.

איך מיין דא נאטירלעך נישט אויסצורעכענען אלע הונ-דערטער פאלן ווו מיר זיינען צוזאמען געגאנגען העלפן און ראטעווען יידן. מ׳וואלט וועגן דעם דארפן גאנצע ביכער שרייבן. איבעריקנס איז דאס פאר א מענטש, וועלכער איז גע-ווען נאענט באפריינדעט און מיטגעארבעט מיטן נפטר, נישט געוועזן קיין חידוש, אז מען זאל זיי דארפן באזונדער צייכנען.

דאך אבער זיינען פארבליבן איינצלנע פאקטן און עפי-זאדן, וואס האבן זיך פשוט איינגעקריצט אין מוח, און בעת וועלכע עס האט זיך אנגעזען דאס פשוטע יידישע, דאס אינער-

לעבע העלדישע, דאס וואס מען דארף פארשטיין אלס יידישע מסירת נפש ביי א יידן.

עס איז געגוג גאר צו דערמאנען די תקופה פון דער באל-שעוויסטישער אינוואזיע, מיט די שפיאנאזש- און דעזערציע-פראצעסן, און עטוואס צו דערציילן וועגן דער ארבעט פונם אלטן ז״ל אין יענע שרעקנס-טעג, בכדי צו פארשטיין וואס עס הייסט יידישע עסקנות.

עס איז געווען, דערמאן איך זיך, אין ר״ה, ווען דער בעל תוקע אין דעם מנין ווו איך האב געדאווגט האט שוין אנגע-הייבן צו זאגן דעם למנצח פאר די תקיעות. און געדאווגט האב איך גאנץ פרי, ווייל אזוי האט מיך דער אלטער ז״ל ספעציעל געבעטן. מען הויבט אן צו זאגן למנצח, און אין שול קומט אריין צולויפן מיינע א שוועסטער און דערציילט מיר, אז אין שטוב ביי מירווארטן דוכט זיך ווישקאווער יידן, וועגן אן ענין פון 10 יידן וואס מען האט געבראכט ארעסטירטע אלס פאר-דעכטיקע אין שפיאנאזש. די יידן האבן אבער נישט געוווסט אנצוווייזן ווו עס געפינען זיך די ארעסטירטע און צו וועמענס דיספאזיציע.

צו יענער צייט איז אין די ענינים טעטיק געווען א געווי-סער אדוו. קאשעטסקי און איך האב זיך מיט אים תיכף פאר-שטענדיקט טעלעפאניש, צי ער האט נישט עפעס אינפארמא-ציעס אין דעם ענין.

דער אדוו. קאשעטסקי האט מיר דערקלערט, אז ער פער-זענלעך האט אין דעם ענין גארנישט געטאן, נאר ער האט אינ-פארמאציעס, אז די ארעסטירטע געפינען זיך אין ציטאדעל און אז דער אויספארשער איז דער זשאנדארמעריע-קאפיטאן דאמ-בראווסקי. ער האט מיר אבער אויך צוגעגעבן, אז לויט זיינע ידיעות באשעפטיקן זיך שוין דערמיט אייניקע יידישע דעפו-טאטן (וואס האבן נאך היינט זייערע מאנדאטן).

איך האב דעריבער באשלאסן, אז איידער איך וועל ארויפ-גיין צום אלטן, וועל איך פרווון זיך פארשטענדיקן מיט די דאזיקע יידישע דעפוטאטן. איך בין דאן ארויפגעלאפן אין נאציאנאל-ראט, ווו איך האב געטראפן א פאר יונגעלייט און מיידלעך ביי זייער נארמאלער ארבעט, אבער די הערן דעפו-

טאטן, האט מען מיר געזאגט, זיינען אין דער צוקערניע פון לורס, אויף קראקעווער-פארשטאט. אין מיינע יום-טוב-מלבושים איז מיר געווען אביסל אומאנגענעם צו גיין מיט א באזוך אין דער קריסטלעכער קאנדיטאריי, און כ׳האב דעריבער באשלאסן תיכף אהינגיין צום אלטן און אים איבערגעבן די גאנצע זאך.

ווען איך בין ארויפגעקומען צום אלטן איז שוין דארט געווען נאך תקיעות און פאר מוסף. איך האב קורץ איבער-געגעבן דעם אלטן אין וואס דא גייט. ער איז, געדענק איך, געגאנגען אין קיטל. אבער תיכף האט ער געכאפט אויף זיך דעם אויבערמאנטל און אזוי מיטן קיטל זיינען מיר אראפ אין גאס. נאכן אפגיין א שטיקל וועג האט דער אלטער אליין צו-גערופן א דראשקע און געהייסן פארן אין ציטאדעל.

ווען מיר זיינען אהין צוגעקומען, האבן מיר באגעגנט אויף איינעם פון די פלעצער א גרופע זעלנער, זייער אפגעריסענע און אויסגעמאטערטע. ווען די חברה האט אונז דערזען, האבן זיי לגבי אונז אנגענומען א דראענדע שטעלונג. מען האט אונז אנגעהויבן באווארפן מיט פארפוילטע קארטאפל און בלאטע, און ביסלעכווייז האבן א טייל אנגעהויבן זיך צו אונז דערנענ-טערן און דראען מיט די פויסטן. אין מיר האט געקלאפט א צאן אן א צאן פאר שרעק, אבער דער אלטער ז״ל האט זיך גע-האלטן גאנץ רואיק און זאגאר מיט א שמייכל אויף די ליפן און מיך אנגענומען פארן האנט.

ווען די באנדע האט זיך שוין געפונען ארום אונז און מיר האבן זיך באמת געפונען אין א לעבנס-געפאר, האט דער אל-טער געטאן זיך א גלייך אויס און מיט א בייזער א געשריי געטאן: „וואס ווילט איר, שאנעוועט אן אלטן מאן!״ און ממש ווי א נס איז געשען: די גאנצע באנדע איז געבליבן ווי פאר-גליווערט, קיינער האט זיך נישט געוואגט א ווארט אויסצורעדן. ביסלעכווייז האבן זיי זיך פון אונז אוועקגערוקט, נאר אייניקע האבן אונז שטארק איבערגעבעטן און אונז שוין צוגעפירט אין דער ציטאדעל-תפיסה.

דארט האבן מיר באגעגנט דעם קאפיטאן דאמבראווסקי און נאך אייניקע העכערע אפיצירן.

דאס דערשיינען פונם אלטן ז"ל מיט דעם אויפגעפראלטן אויבערמאנטל אין שניי-ווייסן קיטל האט פשוט געמאכט אויפ-ציטערן די אלע פארזאמלטע אפיצירן. דעם צוועק פון אונזער באזוך האבן זיי באלד פארשטאנען און זיי האבן אונז דער-קלערט, אז זיי מוזן נאך וועגן די ארעסטירטע דערגענצן די אויספארשונג.

דער אלטער ז"ל האט גארנישט געענטפערט, נאר געבעטן מען זאל אים דערלויבן אריינגיין צו די ארעסטירטע. אין ארעסט האבן זיך געפונען איבער דרייסיק יידן פון פארשידענע שטעט ביים בוג.

דער ראדאמ:ר ז"ל איז אריינגעקומען און א זאג געטאן: „גוט יום-טוב, ברידער, עס גייט א ניי יאר, דאגה'ט נישט, דער הימל וועט העלפן." ווער עס האט געזען דעם אויסזען פון די יידן, ווער עס האט געהערט זייער שטילן געוויין, דער האט באגריפן, אז די יידן האבן זיך אנדערש נישט פארגעשטעלט, נאר אז א מלאך איז צו זיי געקומען. און באמת האט דער אל-טער ז"ל דעמאלט וואונדערלעך אויסגעזען.

מיין אנוועזנהייט האט די יידן זיכער געשטערט אין זייער אילוזיע.

מיר האבן מיט די יידן פארבראכט א קורצע צייט. צוריק-קומענדיק אין דער קאנצעלאריע האט זיך דער אלטער געווענ-דעט צו די אפיצירן און געזאגט: מיר האבן היינט א יום הדין אויף דער וועלט. איך פארזיכער אייך, אז די ארעסטירטע זיינען ריין פון יעדער שולד.

א גאר יונגיטשקער אפיציר האט זיך דאן ארויסגעכאפט און געפרעגט: „צי וועט דער רב אונז געבן א שריפטלעכע גאראנטיע?" דער אלטער האט זיך נישט געוואקלט א מינוט און גענומען אין האנט א פעדער, זאגנדיק צום אפיציר: „בי-טע, שרייבט אן, איך וועל חתמענען." אבער די עלטערע האבן דערקלערט: „מיר פארלאנגען נישט אזא קרבן."

מען האט אונז פארזיכערט, אז די יידן וועט קיין שלעכטס נישט געשען און ווירקלעך זיינען זיי אין פארלויף פון אייניקע טעג פריי געווארן.

צוריק זיינען מיר שוין דעם גאנצן וועג געגאנגען צופוס.

מיט אייניקעס פון די ארעסטירטע יידן האבן איך זיך באַ־געגנט אין יארן ארום, און שטענדיק האבן זיי מיר געזאגט, אז ווי נאר זיי האבן דערזען דעם אלטן און דערהערט זיין פריי־לעכן גוט יום־טוב, האבן זיי זיך שוין דערפילט געהאלפענע און באפרייטע.

נישט דער ענין בעצם איז ביי מיר געווען א רבותא, אבער נאך היינט ווען איך דערמאן זיך די הייטערקייט פון דעם מענטשן וואס איז שוין דעמאלט געווען קרוב שמונים, ווען איך דערמאן זיך זיין האלטונג און באנעמען, באגרייף איך טיפער וואס עס הייסט מסירת נפש פון א ייד פאר א ייד.

ער איז נאך דעם די גאנצע עשרת ימי תשובה קראנק געבליבן מיט א געהעכערטער טעמפעראטור, אבער פונדעסט־וועגן, ווען יום כפור פארנאכט מען האט אים דערציילט וועגן אן ענין פון פיקוח נפש, האט ער זיך א מינוט נישט געוואקלט און שיקנדיק נאך מיר דעמאלט צוזאמען געפארן קיין מאַרי־מאנט, הינטער ווארשע.

ליידער האט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר זיינען פון דער זאך געוואוייער געווארן א טאג צו שפעט. מיר האבן שוין נישט געהאט וואס צו טון.

א צעבראכענער איז דער אלטער אויפן פעלד ארויסגע־קומען, און פון אים האב איך דערפילט דעם ווייטיק פון אן אומגעקומען יונג יידיש לעבן. וועגן זיין מי און מאטערניש, וואס מיט היץ האט ער אין א תענית אזא שווערן וועג געמאכט — א ווארט האט ער וועגן דעם נישט דערמאנט. מיט ביטערע טרערן האט ער געערדט וועגן דעם אפגעהאקטן יונגן לעבן, וואס מיר האבן שוין נישט געקאנט ראטעווען.

דאס איז אפשר נישט קיין קוואליפיקאציע פאר פאליטיק, אין דעם זין ווי מען לערנט עס היינט אזוי ביליק און ווולגאר צו פארשטיין. דאס איז אבער א באווייז פון א גרויס יידיש הארץ, פון אמתער יידישער מסירות נפש, פון עכטער אהבת ישראל.

און דאס האט מיט פאליטיק נישט צו טון, עס איז פון פאליטיק דער קעגנזאץ. און דערפאר האט מען דעם אלטן ז״ל געראָדפט און באליידיקט.״

צו שפעט...

ה׳ משה מארק, אין זיין גרעסערער אפהאנדלונג איבער דעם גרויסן יידישן שתדלן, דערציילט פאלגנדן עפיזאד:

„אין יאר 1920 האט זיך אנגערוקט א שווערע בהלה-צייט פאר דער יונגער פוילישער מלוכה.

די באלשעוויקעס האבן אויפגעהויבן דעם געפערלעכן שטורם אויף פוילן. די יונגע ערשט באפרייטע מדינה האט נאך נישט געהאט באוויזן צו צעמענטירן די אייגענע כוחות, ווי דער צעווילדעוועטער רוסישער שכן האט פלוצים מיטן גאנצן אימפעט אנגעהויבן זיין אינוואזיע אויף דער פוילישער ערד.

אין לאנד איז די לאגע געווען ערנסט. די מלחמה האט געפלאקערט. אויף די פראנטן האבן העלדיש געקעמפט טויזנטער בעסטע זין פון פוילן, און דער יידישער אנטייל צווישן זיי איז געווען א גאר באדייטנדער. איבערן לאנד האבן גענומען הערשן שטאנד-געריכטן. אין דער דאזיקער מהומה האט זיך פארן הרב פערעלמוטער אנגעהויבן א צייט פון השתדלותן און אינטערווענצן, אפצוראטעווען איינצלנע יידישע נפשות, וועמען עס האט צוליב פארשידענע מיספארשטענדענישן געדראט דער טויט-משפט פון פעלד-געריכט.

אין הרב פערעלמוטער האט נישט מבחין געווען. דעם זעלבן מסירות נפש וואס ער האט ארויסגעוויזן ביים ראטעווען א יידישן ציבור פון גזירות, האט ער אויך פארמאגט, ווען עס האט זיך געהאנדלט אין פקוח-נפש פון א יחיד.

עס איז ווערט צו פארצייכענען אזא פאל:

אין ווארשע האט א שווערן רושם דעמאלט ארויסגערופן דער טויט-אורטייל וואס דאס שטאנד-געריכט האט ארויסגעגעבן אויף א זון פון איינער פון די אנגעזעענסטע יידישע משפחות אין ווארשע. דער דאזיקער יונגערמאן איז אנגעקלאגט געווארן אין דעזערציע. פאקטיש איז ער געווען אינגאנצן אומשולדיק, ווייל אין מאמענט ווען ער איז טאקע געגאנגען זיך שטעלן פאר דער פאבאר-קאמיסיע, האט מען אים אויפן וועג ארעסטירט און גלייך פארמשפט צום שיסן.

די משפחה פונם פאראורטיילטן איז געקומען צו לויפן מיט

א האַרצרײַסנד געװײן צום הרב פּערעלמוטער. אַלע האָפֿנונגען זײַנען פֿאַרלױרן. דער גרױסער אַדװאָקאַט העגריק עטינגער האָט מיט זײַן פֿאַרטײדיקונג אױך גאָרנישט געפּועלט. די לעצטע רעטונג איז נאָר געבליבן — באַגנעדיקונג.

קײן סך צײַט אױף א ישוב הדעת איז נישט געבליבן. די שעה׳ן זײַנען געצײלטע. ס׳איז שױן שפּעט בײַנאַכט, און אױף צומאָרגנס פֿאַרטאָג איז באַשטימט דאָס אױספֿירן דעם גרױזאַמען משפּט. א יונג, אומשולדיק ייִדיש לעבן צאַפּלט אױף דער װאָגשאָל צװישן אומקום און רעטונג.

דער זײגער האָט געװיזן צװײ נאָך האַלבער נאַכט.

הרב פּערעלמוטער ז״ל האָט זיך גלײַך דעצידירט. אױך דער צװײטער אָרטאָדאָקסישער דעפּוטאַט אין ערשטן פּױלישן סײם הרה״ג ר׳ משה אלי האַלפּערן ז״ל, איז געשטאַנען גרײט. זײַנען בײדע רבנים אין באַגלײטונג פֿון אַדװאָקאַט עטינגער אָפּגעפֿאָרן צו אײנעם פֿון די באַדײַטנדסטע מלוכה־מענער.

פֿאַרשטײט זיך, אַז נישט פֿון די לײַכטע זאַכן איז געװען איבערצוצײַגן די באַאַמטע דאָס זײ זאָלן זײ דערלױבן אין דער נאַכט איבערצוװעקן דעם אױבנדערמאָנטן מלוכה־מאַן.

דאָס פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט־געפֿיל פֿאַר א מענטשלעך לעבן האָט געזיגט. אַזײגער דרײַ נאָך האַלבער נאַכט איז די רבנים־דעפּוטאַציע אױפֿגענומען געװאָרן. דער שמועס איז געװען א קורצער און האָט אױך געהאַט א װירקונג.

אָבער װי דערשיטערט זײַנען אַלע געװאָרן, װען דער טעלעפֿאָן האָט אָפּגעענטפֿערט:

— מיט 4 מינוט צו שפּעט! דער טױט־אורטײל איז שױן אױסגעפֿירט געװאָרן!...

א רגע הערשט א שטילשװײַגן.

אָבער פּלוצים — דערהערט זיך א שװערער שלוכצן. דער אַלטער רב פּערעלמוטער טוט זיך א װאַקל און פֿאַלט אין חלשות. קױם װאָס מען דערמונטערט אים. ער איז אױסער זיך פֿון פֿאַרצװײפֿלונג. פֿאַרשפּעטיקט א מענטשלעך לעבן צוליב פֿיר מינוט!...

אויף דעם פוילישן מלוכה-מאן האט די סצענע געמאכט א דערשיטערנדן איינדרוק און ער זאל זיך האבן אויסגעדריקט:
הרב פערעלמוטער טאר מען נישט אנטואגן, דער מענש שפילט מיט זיין לעבן...

קאפיטל 13

יום כפור אין דער קאנצעלאריע פון מארשאל פילסודסקי

ווער? ווער קאן פילן די גרויסע ליידן פון גיין ראטעווען א יידן, ווי דאס האט געפילט דער גרויסער ייד הרב אברהם צבי פערעלמוטער? אין דער צייט וואס יידישע דעפוטאטן, וועלכע זיינען געווען בארופן צו העלפן דעם יידישן כלל, זיינען געזעסן אין די קאפע-הייזער, פלעגט הרב פערעלמוטער, ראש השנה אדער יום כפור, איבערלאזן דעם בית המדרש און פארן ראטעווען א נויטבאדערפטיקן. מיר ווילן דא ברענגען דעם דראמאטישן עפיזאד, ווי הרב פערעלמוטער האט צו כל נדרי פארלאזט די שול און געלאפן זיך משתדל זיין פאר א יידן וועמען ס'האט געדראט דערשאסן צו ווערן פון די באלשע-וויקעס.

דער קיעווער רב הרב אהרענזאן איז פון די באלשעוויקעס פארמשפט געווארן צום טויט. די קיעווער יידן האבן זייער לעבן איינגעשטעלט און דעם רב פון תפיסה ארויסגעגנבעט, און נאך גרויסער מי איז זיי געלונגען אים אריבערצושטעלן איבער דער פוילישער גרענעץ. אריבערקומענדיק קיין פוילן, האט אים די גרעניץ-וואך פארהאלטן און אים געוואלט צוריק אריבערשיקן אויף דער סאוויעטישער זייט.

די יידן פונם גרעניץ-שטעטל, דערוויסנדיק זיך, אז מ'וויל דעם קיעווער רב צוריקשיקן אויף יענער זייט גרעניץ, האבן

זיך משתדל געווען ביים גרעניץ-קאמענדאנט דעם רב צו באַ-פרייען, און אויב נישט, זאל כאטש ער, דער קאמענדאנט, אפּ-ווארטן א באפעל וואס וועט אים אנקומען פון ווארשע. „גוט — האט דער קאמענדאנט געזאגט — איך גיב אייך צוויי מעת לעת, און באקום איך נישט קיין ענטפער ביז דער שעה, אזוי שטעל איך דעם ארעסטירטן אריבער דער גרעניץ." ס׳איז קיין אנדער אויסוועג נישט געווען ווי פארן קיין ווארשע זיך משתדל זיין.

צו כל נדרי. דער עולם זאגט די תפילה זכה. און מיטאמאל, קומט אריין אין שול א דעלעגאציע פון דער שטאט פאדוואלאדיסק, און גיט איבער דעם הרב פערעלמוטער צוליב וואס זיי זיינען געקומען.

נישט טראכטנדיק קיין איין מינוט, נישט הערנדיק ווי דער חזן האט אנגעהויבן זאגן כל נדרי, האט ער אויף זיך געכאפּט זיין מאנטל און ארויס פון דער שול, געכאפּט א דראשקע און געפארן צום מלוכה-פּרעזידענט.

ווען הרב פערעלמוטער האט זיך געמעלדעט צום פּרעזי-דענט, פון וועלכן ער איז גלייך אויפגענומען געווארן, האט ער אים געפרעגט: איר, ראבין, אין דער שעה, ביי מיר? וואס האט פּאסירט, וואס איר האט איבערגעלאזט אייער שול און געקומען צו מיר?

— אייער עקסעלענץ — האט הרב פערעלמוטער געענט-פערט — דאס איז די הייליקסטע שעה אין דעם יידנס לעבן, אין דער שעה, ווען אלע יידן פון דער גאנצער וועלט זיינען פארזאמלט אין די שולן און בעטן גאט, ער זאל זיי מוחל זיין זייערע זינד, האב איך פארלאזט די שול און געקומען דיך בעטן: ראטעווע אן אומשולדיק לעבן, וואס ראנגלט זיך מיטן טויט. דארט אויף דער גרעניץ איז ארעסטירט געווארן דער קיעווער רב וועמען די באלשעוויקעס האבן פארמשפּט צום שיסן, און דער קאמענדאנט וויל אים צוריקשיקן אויף דער באלשעוויסטישער זייט. בעט איך דיך, ראטעווע אן אומשולדיקן יידן פון א זיכערן טויט...

— פון מיין זייט — האט דער פּרעזידענט געענטפערט,

— בין איך מסכים צו לאזן באפרייען דעם יידן. אבער עס ליגט אין דער האנט פונם קריגס-מיניסטער מארשאל פילסודסקי. ווענדע זיך צו אים און איך בין זיכער, אז ער רוועט דיין ביטע אנטקעגנקומען.

הרב פערעלמוטער איז גלייך צוגעפארן אין דער קאנצעלאריע פונם מארשאל. אבער דארט האט מען אים געענטפערט: דער מיניסטער דארף אנקומען פון פראנט, ער וועט בלייבן אין ווארשע א שעה צייט און וועט ווייטער אפפארן. אבער די שעה ווען ער וועט אנקומען איז נישט באשטימט. הרב פערעלמוטער האט אויסגעוויילט בלייבן אוןווארטן אין דער קאנצעלאריע.

די נאכט איז אוועק און דער מארשאל איז נישט געקומען. ערשט אויפצומארגנס פארנאכט איז דער מארשאל אנגעקומען. הערנדיק פון זיין סעקרעטאר, אז דער ראבין פערעלמוטער ווארט שוין אויף אים א נאכט מיט א טאג, האט ער אים גלייך איינגעלאדן צו זיך, און אויסהערנדיק דעם הרב פערעלמוטער, טעלעגראפיש געהייסן באפרייען דעם ארעסטירטן הרב אהרענזאן.

ווען די ווארשעווער יידן זיינען שוין לאנג געזעסן ביי זייערע טישן און געגעסן נאכן לאנגן תענית, האט ער, דער גרייזגרויער רב, פארלאזט מארשאל פילסודסקים קאנצעלאריע, פארברענגענדיק דארט דעם גאנצן יום-כפור, אבער, מיט דעם באוווסטזיין, אז מיט זיין פארבלייבן דארט, האט ער מציל געווען א יידן פון א זיכערן טויט.

א פאר טעג שפעטער איז הרב אהרענזאן אנגעקומען קיין ווארשע, און נאך סוכות, וואס ער האט פארבראכט ביי הרב פערעלמוטער, איז ער אפגעפארן קיין ארץ ישראל.

עס איז צו באוואונדערן די ארבעטזאמקייט פון הרב פערעלמוטער. זייענדיק א דעפוטאט, האט ער זיין צייט אפגעגעבן פאר פארשידענע געזעלשאפטלעכע פראגן. איבעראל געווען דער ערשטער, ווען מ'האט געדארפט עפעס טון. נישט געקוקט אויף זיין שוואכן געזונט-צושטאנד, האט ער שווער, זייער שווער געארבעט ארום דער עגונות-פראגע און גלייכציי-

טיק געגומען א שטארקן אינטערעס אין פוילנס אויפבוי, נישט אכטנדיק אויף דעם וואס די ציוניסטישע דעפוטאטן האבן אים שטענדיק פארגעווארפן אז ער גייט צופיל מיט דער רעגירונג.

אלס א קליינע אילוסטראציע פון זיין אנטייל אין פוילנס אויפבוי, קאן דינען דער קליינער עפיזאד, וועלכן עס באשרייבט ה' משה מארק.

די יידישע לעגענדע וועגן פוילע׳נס באפרייונג

עס זיינען אוועק די בלוטיקע צייטן. צו די מהומה-יארן האט געגומען א סוף.

עס האט זיך אנגעהויבן א תקופה פון בויען און שאפן. דא און דארטן זיינען אויסגעוואקסן פון דער ערד נייע מאנו-מענטאלע בנינים. עס איז אויך פארגעקומען א פייערונג פון לייגן דעם גרונט-שטיין צום בנין פונם נאציאנאלן פוילישן מו-זעאום אויף דער אלעע פון 3-טן מאי.

אויפן פלאץ זיינען פארזאמלט די אנגעזעענסטע קעפ פון דער מלוכה. דיפלאמאטישע פארשטייער און גייסטלעכע. צווי-שען זיי ציט צו אלעמענס אויפמערקזאמקייט די פאטריארכא-לישע באקאנטע געשטאלט פון הרב פערעלמוטער.

וכנהוג ווערן געהאלטן באגריסונגען. עס נעמט אויך א ווארט דער ראדאמער רב. זיין שטיל-שוואכע שטים הערט זיך קיים אויפן אפענעם פלאץ. אלע שטרענגען אן די אויערן. דער אלטער רב דערציילט עפעס.

אלס יונגער בחור איז ער געוועזן א תלמיד פונם ווארשע-ווער רב רבי בעריש מייזעלס ז״ל, דעם גרויסן פוילישן פאט-ריאט און פרייהייטס-קעמפער. פאר באטייליקן זיך אין דער „פאוסטאניע" פון 1863, האט אים די צארישע מאכט באפוילן צו פארלאזן די גרעניצן פון פוילן. דער יונגער תלמיד האט דעם רבין אויפן גלות-וועג באגלייט ביז צו דער גרעניץ.

ביים געזעגענען זיך פרעגט דער תלמיד:

— רבי, וואס לאזטו מיר איבער אלס צוואה אין די לעצ-טע מינוטן פון אונזער פארברענגען?

רבי בעריש מייזעלס נעמט ארויס א קליינע קופערנע רו-
סישע מטבעה:

— זעסטו? אויפן קאפ פון גרויסן רוסישן אדלער געפינט זיך א קליינטשיקער, קוים באמערקבארער אדלערל. זאלסטו וויסן, אז קומען וועט א צייט, ווען דאס קליינע פוילישע אדלערל וועט מנצח זיין דעם גרויסן, גאוהדיקן רוסישן אדלער. צי איך וועל דאס אויף מיינע אלטע יארן דערלעבן, ווייס איך נישט. נאר פאר דיינע צייטן, ליבער תלמיד, וועט דאס געשען. טא פארשרייב דיר דאס לזכרון.

הרב פערעלמוטער האט דאס פאר די מלוכה-מענער דער-ציילט. דעם רבינ׳ס נביאות איז מקוים געווארן. דאס פארשרי-בענע ביכעלע מיט דער צוואה האט ער געהיטן ווי אן אויג אין קאפ. איצט האט ער עס געבראכט אלס מתנה פארן נאציאנאלן מוזעאום...

דער איינדרוק איז אן אויסערגעוויינלעכער. ביי די מלוכה-מענער גלאנצן טרערן אין די אויגן.

עס איז דאך געווען די יידישע לעגענדע פון פוילנס בא-פרייונג.

די אלע וואס זיינען געקומען אין בארירונג מיטן הרב פערעלמוטער, וועלן עדות זאגן, אז ער איז געווען א קינסטלער צו זאגן א וויץ, א גלייכווערטל אדער דערציילן אן אנעקדאט. און נישט נאר צווישן יידן איז ער באקאנט געווען מיט אט דער געבענשטער מעלה, נאר אויך אין דער קריסטלעכער געזעל-שאפט האט מען נאכדערציילט הרב פערעלמוטערס קלוגע אנעקדאטן און גלייכווערטלעך.

מיר ווילן דא איבערגעבן אן אנעקדאט, וואס האט זיינער-צייט ארויסגערופן גרויס הייטערקייט ביי דער יידישער און נישט-יידישער געזעלשאפט, און איז קאמענטירט געווארן אין דער פרעסע.

געווען איז דאס אויף א סילוועסטער-אוונט ביים מלוכה-רעגענט איגנאצי פאדערעווסקי, אין וועלכן הרב פערעלמוטער האט אויך אנטיילגענומען. ס׳איז צו אים צוגעקומען א אנגע-זעענער גייסטלעכער, אים פריינטלעך באגריסט.

— קאלעגע! — האט זיך דער גייסטלעכער אנגערופן — דערלויב מיר עפעס צו פרעגן.

— פרעג, קאלעגע. האט הרב פערעלמוטער געענטפערט.

— זאג מיר, ליבער קאלעגע, וואס פאר א פארגעניגן האס־טו פון א קאלט גלאז וואסער, און ווילסט נישט הנאה האבן פון די אלע „גוטע זאכן" וואס מ׳סערווירט דא אויפן באל ?

ועסט מיר מוחל זיין, קאלעגע — האט הרב פערעלמוטער געענטפערט — ס׳וואונדערט מיך, אז דו זאלסט מיר אזא פראגע שטעלן. ווייסטו דען נישט ,אז איך אלס ייד טאר זיך נישט צורירן צו די אלע מאכלים וואס ווערן דא סערווירט. — ס׳איז דאך טריפה.

— א שאד. וואלסטו איינמאל פארזוכט א שטיקל חזיר, וואלסטו געפילט ווי גוט דאס איז...

— איך וועל דיר אויף דעם ענטפערן — האט הרב פערעל־מוטער געענטפערט. אבער אינצווישן איז צוגעקומען דער יוס־טיץ־מיניסטער, און דאס געשפרעך איז נישט פארענדיקט געווארן.

פארטאג, ווען הרב פערעלמוטער האט פארלאזט דעם זאל, איז ער צוגעגאנגען צום גייסטלעכן וועלכער איז געשטאנען אין געזעלשאפט פון אייניקע דיפלאמאטן, און זיך מיט אים געזעגנט.

— איך ווינש אייך, קאלעגע, א פריילעך ניי יאר, פאר אייך, פאר אייער פרוי און קינדער... זאלסט זיך מיט זיי על־טערן, ביז הונדערט און צוואנציק יאר...

— אבער קאלעגע! — האט דער גייסטלעכער, א בלאס־געווארענער, זיך אנגערופן צום הרב פערעלמוטער — צי ווייסט איר דען נישט, אז מיר קאטוילישע גייסטלעכע טארן נישט חתונה האבן ?

— א שאד, — האט הרב פערעלמוטער זיך אנגערופן — א שאד וואס דו טארסט נישט חתונה האבן. ווען דו וואלסט כאטש איינמאל חתונה געהאט, וואלסטו געוווסט ווי גוט דאס איז צו פירן א פאמיליען־לעבן. ס׳שמעקט א סך בעסער ווי דער בעסטער חזיר־בראטן וואס איז דא אויפן הייניקן אוונט סער־ווירט געווארן...

דער גייסטלעכער האט פארשטאנען, אז דאס ענטפערט אים הרב פערעלמוטער אויף זיין פריער געשטעלטער פראגע... ער, דער אלטער רב, איז אויפן געביט צו זאגן א וויץ, צו ענט־פערן זיין קעגנער מיט א קיבעץ, געווען א קינסטלער. ס׳איז כדאי צוצוגעבן, אז דער וויץ מיטן גייסטלעכן איז אין א פאר טעג ארום געווארן איבערדערציילט סיי אין דער פוילישער ווי אין דער דייטשישער פרעסע.

די אינטערווענץ ביים רומענישן קעניג

דער רומענישער קעניג און קעניגין זיינען געקוימען מיט א וויזיט קיין פוילן. די רעגירונג האט פאר זיי פארגעשטעלט אלע אירע פארשטייער און לאנד־פערזענלעכקייטן. צווישן די איינגעלאדענע איז אויך געווען הרב פערעלמוטער אלס פאר־שטייער פון די פוילישע יידן.

דער איאזנער רב הרב ר׳ ברוך לאזנאווסקי, וועלכער האט באגלייט דעם הרב פערעלמוטער צום קעניגלעכן וויזיט, דער־ציילט וועגן דעם פאלגנדעס:

הרב פערעלמוטער האט דעמאלט געוואוינט אין אטוואצק, ווו ער האט זיך אפגערוט פון זיין שווערער ארבעט לטובת הכלל. אין אן אינדערפרי איז געקומען א ספעציעלער שליח פון מארשאל פילסודסקי, איבערגעבנדיק דעם אלטן רב די איינלאדונג צו קומען צו דער אפיציעלער אויפנאמע פונם רו־מענישן קעניגלעכן פאר, צוגעבנדיק, אז ס׳איז דער ווונש פונם מארשאל, אז ראבין פערעלמוטער זאל אומבאדינגט קומען.

צו דער באשטימטער שעה איז הרב פערעלמוטער צוגע־פארן צום שלאס. דער צוגאנג איז געווען זייער שווער, מחמת פון אלע זייטן האבן זיך מענשן געצויגן אין שלאס אריין און סתם נייגיריקע מענשן זיינען געשטאנען און זיך צוגעקוקט צו די אנקומענדיקע און אפפארנדיקע געסט.

דער קארדינאל קאקאווסקי, דערזעענדיק פונדערווייטנס הרב פערעלמוטער, האט דער דינערשאפט געהייסן מאכן פלאץ כדי דער אלטער רב זאל אומגעשטערט צוקומען צום שלאס. ווען ער איז צוגעקומען, האבן זיךביידע רעליגיע־פארשטייער,

קארדינאל קאקאווסקי און הרב פערעלמוטער, צעקושט, און געארעמט, ווי צוויי גוטע אינטימע פריינט, אריין אין שלאס. מארשאל פילסודסקי האט דעם הרב פערעלמוטער אריינגע-פירט אינם זאל ווו דער קעניג און די קעניגין זיינען געווען.

די פארזאמלטע געסט, דערזעענדיק אריינקומען דעם אלטן רב אין דער באגלייטונג פונם מארשאל פילסודסקי, האבן זיך אלע אויפגעשטעלט און באגריסט דעם רב, וועלכער האט גע-דארפט באגריסן דעם קעניג אין נאמען פונם פוילישן יידנטום.

ווי עס דערציילט דער איזאדער רב הרב לאזנאווסקי, איז די אויפנאמע געווען א פייערלעכע. יעדער איינער האט גע-ווארט אויפן מאמענט, ווען דער רב וועט באגריסן דעם קעניג. דער מארשאל האט צוגעפירט דעם רב צום קעניג און אים פארגעשטעלט בזה הלשון:

— מאיעסטעט, כ'האב דעם כבוד אייך פארצושטעלן אונ-זער עלטסטן ראבינער, קעמפער פאר דער פוילישער פרייהייט, דעם עלטסטן דעפוטאט פון פוילישן סיים, הרב פערעלמוטער.

הרב פערעלמוטער האט בקול רם געמאכט די ברכה וואס עס קומט א קעניג, באלד דיזעלבע איבערגעזעצט אויף פויליש און אנגעהויבן זיין באגריסונגס-רעדע, וועלכע האט אויף אלע-מען געמאכט א געוואלטיקן איינדרוק אזוי, אז די רומענישע קעניגין האט אייניקע מאל אויסגעווישט אירע אויגן וואס זיינען געווען פול מיט טרערן.

הרב פערעלמוטער האט פאר דעם קעניגלעכן פאר גע-שילדערט די טרויעריקע לאגע פון די יידן אין רומעניע, איבער-הויפט אינם בעסאראבער געביט, ווו יידן ווערן אכזריותדיק געפייניקט. די יידישע ליידן ווערן דערשטיקט אזוי, אז איר מאיעסטעט ווייסט גארנישט פון דעם. אלס עלטסטער רב אין פוילן, בעט איך אייך קעניג: נעמט אין שוץ מיינע ברידער וועלכע געפינען זיך אין אייער לאנד, און וואס ארבעטן פאר דעם וואוילזיין פון אייער מלוכה. — זאל אייער וויזיט אין דעם באפרייטן פוילן זיין געבענשט.

דער קעניג איז געווען גערירט פון הרב פערעלמוטערס באגריסונג. געבנדיק אים די האנט, האט דער קעניג, אין דער אנייעזנהייט פון אלע געסט, צוגעזאגט דעם הרב פערעלמוטער,

הסתדרות
"שלומי אמוני ישראל"
בפולין.

הלשכה המרכזית.

האדריסה למכתבים: תיבת הפוסתה 403.
האדריסה לטלגרמות: "אגודה" ורשה.
חשבון הפוסתה 53.
טעל.: 151-44, 230-68.

מטרת הסתדרותנו היא:
לפתור ברוח התורה והמצוה את השאלות השונות אשר תעלינה יום יום על הפרק בחיי כלל ישראל במדינתנו ובארצנו הקדושה.

• • •

פ"ה ווארשא, יום ___ ב' ___

ב"ה

לכבוד הגביר הנכבד רודף צדקה וחסד וכו"א
כש"ת מוה' שמעון וויינגארטען נ"י

אחדשה"ט!

הנה כבוד הרב הגאון והצדיק הי"ש [illegible] שליט"א
אחרי שובו מדרכו ושלוש תהלת כבודו מפיו כל היום ואת רב טרחו לטובת האגודה ולטובת
והחזקת ת"ת והישיבות נוסף לזה מאשר הכהן שהי' הרב הגה"צ בלונדון, וה' הוא ובניו באכסניא
אצל כבודו. בהספיקו להם די מחסורם וכן הוא וכל בני ביתו שירתו אותם מאוות לב,*
אצאני לנכון להביע לו מעומק הלב תודה ות"ח.

בלי ספק כי אורח חשוב כזה הביא ברכה לתוך ביתו. ברכה עד בלי די,
וקיו מאירון הקודש כדברי חז"ל

גם הנני מן המודיעים שהרב הגה"צ הנ"ל מסר לנו סך פ"א פונט והמעות באחו לידו
מהגיה"כ שכבודו מתפלל שם ועשרים פונט מגיה"כ אשר מסר לידו אחד מגזו' פעלדמאן
או פערלמאן וכן ב' מאות וי"ד פונט מגיה"כ קאטשעלרויט ששם התפלל הרב הגה"צ מיוה"כ —

תשואות חן לכולם.

בכל אותות הכבוד ויקר

אגודת "שלומי אמוני ישראל"
נשיא ועד הרבנים בפולין

[illegible]

המזכיר: [illegible]

*) שגיר בפה הרב הי"ד הנ"ל
שהרב מאד מאד גאוה הכנסת אורחים
ואת כבודו —
גם מדברים אני בטוח שהתחיה בשלוי הפגתם ונהנתם
מהרב ... [illegible] הוא חתימת הרב הצדיק [illegible]
[illegible] סגיר. —

דער אָריגינעלער אונטערגעשריבענער בריוו פונם גערער רבין, פאר
א טייל דערהאלטענע געלטער וואס הרב פעררלמוטער האט געזאמלט

אז די יידישע לאגע אין רומעניע וועט אויסגעבעסערט ווערן. די קעניגין, ביים געזעגענען זיך מיטן רב, האט אים א קוש געטאן אין האנט און אויסגערופן: איך בין גליקלעך וואס איך האב זיך באקענט מיט אייך, געערטער ראבין.

הרב פערעלמוטערס אינטערוועניץ ביים רומענישן קעניג האט שפעטער־צו געהאט געוויסע פאלגן: די יידישע לאגע האט זיך באדייטנדיק פארבעסערט.

קאפיטל 14

הרב פערעלמוטער׳ס ארבעט לטובת די רעליגיעזע שולן. זיין רייזע נאך אויסלאנד און דער קאמף ארום דער רייזע

עס איז דעם אלטן יידישן שתדלן נמאוס געווארן דער כסדרדיקער קאמף מיט די יידישע דעפוטאטן. ער האט זיך אנגעהויבן אפגעבן א דין וחשבון, אז עס לוינט זיך נישט ארום-צורייסן מיט די פאר יידישע „פאליטיקער" וועלכע האלטן אין איין שרייען און טוען גארנישט אויף פאר דעם יידישן כלל. צי יענער צייט איז דאס רעליגיעזע שול-וועזן געווען שטארק פארווארלאזט. נישט געווען ווער ס׳זאל אויפהאלטן די חדרים, תלמוד-תורות, ישיבות. איבערהויפט האבן געליטן די גערינג-דעטע רעליגיעזע אינסטיטוציעס דורך דער „שלומי אמוני ישראל", וועמענס אנפירער ס׳איז געווען דער גערער רבי שליט"א.

די אויבנדערמאנטע געזעלשאפט איז געקומען צום באַ-שלוס, אז אום צו ראטעווען פון אונטערגאנג די אינסטיטוציעס, מוז מען ארויסשיקן א מענשן נאך אויסלאנד, מאכן א געלט-זאמלונג. און דער איינציקער, אויף וועמען מ׳האט געלייגט גרויסע האפנונגען, וויסנדיק, אז ער און נאר ער וועט אים-שטאנד זיין עפעס אויפצוטון, איז געווען הרב פערעלמוטער.

ווי שוין געזאגט, ווערנדיק אים פארמיאוסט די „סיים-פא-

ליטיק״, האט ער איבערגעלאזט זיין ארבעט אין סיים און דאס רבנות, און איז אפגעפארן נאך אויסלאנד זאמלען געלט. און דעם אמת זאגנדיק, די יעניקע וואס האבן אים געשיקט, האבן געוווסט אז הרב פערעלמוטער וועט זיין ארבעט אדורכפירן בשלימות. ווו ער איז געקומען, איז ער אויפגענומען געווארן פון דער יידישער באפעלקערונג מיטן גרעסטן כבוד און מ׳האט זיך באשטייערט מיט גרויסע סומעס געלט.

אין באגלייטונג פון זיין טאכטער איז הרב פערעלמוטער אפגעפארן קיין אמסטערדאם.

די אמסטערדאמער יידן, דערוויסנדיק זיך, אז דער בארימטער גאון און עסקן בישראל קומט צו זיי, האבן געגרינדעט אן אויפנאם-קאמיטעט, וועלכער איז באשטאנען פון די הערן ר׳ שמואל טימבערג, ר׳ חיים פינקעלשטיין, ר׳ קאפל שאפירא א. א. וועלכע האבן צוזאמען מיט די אמסטערדאמער יידן, בראש מיטן האלענדישן רב הכולל ד״ר אונטערוויזער און דעם גאנצן ראבינאט אים אפגעווארט ביי דער באן.

די האלענדישע פרעסע האט דעם אנקומען פון הרב פערעלמוטער קיין האלאנד אפגעגעבן פיל פלאץ, באשרייבנדיק זיין טעטיקייט פארן פוילישן יידנטום און דעם צוועק פון זיין רייזע.

אויף דער ערשטער קאנפערענץ וואס הרב פערעלמוטער האט געהאט מיטן פארשטאנד פון דער געמיינדע האט אים ד״ר אונטערווייזער איבערגעגעבן פיר טויזנט האלענדישע גולדן אלס געשאנק פון דער אמסטערדאמער געמיינדע פאר דעם שול-אויפבוי פון דער שלומי אמוני ישראל, וועלכע ער האט גלייך איבערגעשיקט קיין פוילן.

זייער פיל האבן אים געהאלפן אין זיין ארבעט די הערן אשער, טימבערג, קאפל שאפירא, מרדכי לאס, חיים פינקעלשטיין, וועלכער האט אפגעגעבן א טייל פון זיין וואוינונג פארן הרב פערעלמוטער, דער פארשטארבענער הערש פינקעלשטיין און ה׳ מאצנער. די אויבנדערמאנטע הערן, ווי אויך דער גרויסער נדבן ר׳ נאטע האלבער, האבן זיך באשטייערט מיט גרויסע געלט-סומעס און האבן, אחוץ דער קאנפערענץ וואס זיי

האבן ארגאניזירט, אויך געזאמלט ביים רוב אמסטערדאמער יידן גרויסע געלט-סומעס.

דאס אנקומען פון הרב פערעלמוטער אין האלאנדס הויפט-שטאט דען-האאג, איז פארוואנדלט געווארן אין א גרויסן יום-טוב.

די יידן פון האאג, מייסטנס אנטווערפענער איינוואוינער, וואס האבן צוליב דער מלחמה פארלאזן בעלגיע, זיינען אים געקומען מקבל פנים זיין.

ביי דער באן האבן אים באגריסט דער פוילישער אמבא-סאדאר, פארשטייער פון דער האלענדישער רעגירונג א. א. אויך אין האאג האט הרב פערעלמוטער געזאמלט א גרויסע סומע געלט, צווישן וועלכע ס'האט זיך באשטייערט מיט א גרוי-סער סומע ה' גוטמאן גוטווירט.

אויב די רייזע איבער האלאנד האט זיך אים איינגעגעבן אויף אלע אופנים, איז עס געווען דער אנפאנג קעגן דער גרוי-סער טריומף-רייזע פון דעם אלטן רב.

אנקומענדיק קיין אנטווערפן, איז הרב פערעלמוטער אויפגענומען געווארן פון די ה"ה אדאלף אולמאנו הרב מ. ראטענבערג און דעם פארשטארבענעם זשאן פישער ז"ל, וועל-כע האבן דעם גרייז-גרויען רב באגריסט אין נאמען פון די אנטווערפענער יידן. דעם זעלבן שבת האט הרב פערעלמוטער גערעדט אין דער שול פון „מחזיקי הדת" פאר אן איבערגע-פולטער שול.

אבער אויך אין אויסלאנד האט דער אלטער יידישער שתדלן געארבעט לטובת זיינע ברידער. ווי געזאגט, איז דאס געווען אין דער צייט, ווען פוילן האט זיך אין דער וועלט אנגעהייבן איינצובירגערן. אבער א סך פון אירע בירגער, ווי יידן פון גאליציע און רוסיש-פוילן, וועלכע האבן געוואוינט אין אויסלאנד נאך פון פאר דער מלחמה, האבן נישט געקאנט צושטעלן די נויטיקע דאקומענטן צו די פוילישע קאנסולן כדי צו קאנען באקומען רייזע-פעסער, אום צו קאנען זיך פריי אויף דער וועלט באוועגן.

דעם זעלבן גורל האבן אויך געהאט א סך אמסטערדאמער און אנטווערפענער יידן. זיי, די דיאמאנט-סוחרים, האבן זיך

נישט געקאנט באוועגן, נישט האבנדיק קיין פעסער. אבער הרב פערעלמוטער האט זיך פאר זיי משתדל געווען און זיי האבן באקומען פעסער. און א סך, א סך יידן, וועלכע זיינען שפעטער רייך געווארן, אדאנק זייערע געלונגענע רייזעס נאך אמעריקע, אפריקע א. א. זיינען עס אפן מודה, אז נאר הרב פערעלמוטער האט זיי געהאלפן און געראטעוועט, מיט זיין אינטערווענץ ביי דער רעגירונג, אז די קאנסולן זאלן אן וויי-טערעס, ארויסגעבן זיי פוילישע פעסער.

צום שבח זאל אויך דערמאנט ווערן די אומדערמידלעכע ארבעט פון דעם אנטווערפענער תושב ה' מאטושעוויטש, וועל-כער האט אפגעגעבן זיין היוז פארן הרב פערעלמוטער און זיך באשטייערט מיט א גרויסער סומע געלט.

א גאר גרויסע אויפנאמע האט הרב פערעלמוטער באקו-מען אין פאריז. אלע פאריינען האבן זיך אנגעשלאסן אין דער ארבעט און איינגעלאדן דעם חשובן עסקן צו רעדן ביי זיי.

דער זייער געאכטעטער און פאפולערער פאריזער רב, הרב הערצאג, ביי וועמען הרב פערעלמוטער האט געוואוינט די גאנצע צייט וואס ער איז געווען אין פאריז, האט אומדער-מידלעך געארבעט, אז די זאמל-אקציע זאל געקרוינט ווערן מיט דערפאלג.

אויפן באנקעט וואס דאס יידישע פאריז האט איינגעארדנט פאר הרב פערעלמוטער, האט ער געשילדערט די לאגע פונם פוילישן יידנטום בכלל און פון דעם רעליגיעזן בפרט, ווו די ישיבות זיינען געשלאסן און טויזנטער קינדער דרייען זיך ארום פארוואָרלאזט, און מ'דארף דעם יונגן דור ראטעווען פון אונ-טערגאנג. דער גערער רבי איז געווען דער ערשטער, וועלכער האט זיך ארייגעוואָרפן אין דער הייליקער ארבעט, אויפצו-עפענען די געשלאסענע תלמוד-תורות, די ישיבות און ער, דער גרייז-גרויער מאן, האט זיך געשטעלט אין דינסט פונם גערער רבי'ן שליט"א, און פארט נאך הילף צו די יידן אין אויסלאנד.

דער גראנד ראבינער איזראעל לעווי האט פארגעשטעלט דעם הרב פערעלמוטער פאר דעם גרויסן נדבן באראן ראט-שילד און זיין זון, וועלכע האבן זיך גליקלעך געשעצט, צו קענען פערזענלעך דעם גרויסן יידן, וועלכער האט זיך אזוי פיל משת-

דל געווען פארן פוילישן יידנטום, און נישט קוקנדיק אויף זיין עלטער פארט ער נאך ארום איבער דער וועלט זאמלען געלט פאר אזא וויכטיקן צוועק.

באראן ראטשילד האט דעם הרב פערעלמוטער ארומגעפירט איבער זיינע שפיטאלן, אים געוויזן די פון אים געגרינדעטע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, פארברענגענדיק מיט אים א גאנצן טאג אין זיין שלאס, האט דער אלטער באראן איבערגעגעבן דעם חשובן רב א סומע פון זעכציק טויזנט פראנק., אויף וועלכע דער בארון האט באקומען א קבלה פונם גערער רבי׳ן.

נאך איידער הרב פערעלמוטער איז אנגעקומען קיין ענגלאנד, האבן אלע צייטונגען געבראכט די ידיעה וועגן זיין אנקומען. די צייטונגען האבן צווישן אנדערעס געשריבן: ס׳איז צו באוואונדערן וואס אזא אלטער מאן, וועלכער דארף שוין האבן אביסל רו, לויפט פון באן צו באן, פון שיף צו שיף, כדי צו זאמלען די נויטיקע פאנדן פאר זיינע נויטליידנדע ברידער אין פוילן.

א חוץ די אפיציעלע לאנדאנער פארשטייער האבן אים באגריסט ד״ר יונג מיט א גרויסער יידישער דעלעגאציע, עס זיינען אויך געקומען די לאנדאנער רבנים מיט דעם רב הכולל ד״ר הערץ.

די בעטיון-ראוד-גאס, ווו הרב פערעלמוטער איז איינגעשטאנען ביי דעם נאבעלן עסקן ר׳ שמעון וויינגארטן, איז פארפלייצט געווארן פון מענשן. דעלעגאציעס זיינען געקומען באגריסן דעם גאסט. רעפארטערס, רעדאקטארן, פאטאגראפיסטן פון אלע צייטונגען פון לאנדאן, זיינען געקומען נאך אינטערוויוען מיטן ראבינער און דעפוטאט פערעלמוטער. די גרעסטע לאנדאנער פערזענלעכקייטן, יידן ווי נישט-יידן, האבן געשטראמט צו דער וואוינונג פון ה׳ וויינגארטען כדי זיך צו באקענען מיטן רב, און קאנפערירט מיט אים וועגן דעם צוועק פון זיין רייזע. אויפן גרויסן מיטינג אין לאנדאן, אין וועלכן ס׳האבן אנטיילגענומען גרויסע מענשן-מאסן, האט מען אויך געזען אזעלכע פערזענלעכקייטן ווי דער רב הכולל ד״ר הערץ, באראן ראטשילד, לארד סווייטלינג, סיר מאנטעפיארע, סיר

מאנטאגי און אנדערע. אויף דעם זעלבן מיטינג איז געזאמלט געווארן פיר טויזנט פונט, וועלכע זיינען איבערגעשיקט גע־ווארן צום ווארשעווער באנקיר נאטאנזאן, אויסצוצאלן דעם גערער רבי'ן, און וועלכער האט אויך ארויסגעשיקט די געהע־ריקע באשטעטיקונג.

אין לאנדאן האט אויך הרב פערעלמוטער גערעדט אין אלע שולן און געזאמלט באדייטנדע סומעס, וואס זיינען גלייך איבערגעשיקט געווארן צום גערער רבין. א חוץ לאנדאן, האט ער אויך באזוכט די שטעט לידז און מאנטשעסטער, האבנדיק דארטן דעם געהעריקן דערפאלג אדאנק דער מיטארבעטער־שאפט פון די הערן לעווינזאן און ברידער שטרויס, און פא־ליסטראנט.

פון ענגלאנד האט הרב פערעלמוטער געזאלט אפפארן קיין אמעריקע, ווו ער וואלט געוועז געזאמלט א גאר גרויסע סומע פאר דער אקציע פון דער „ש. א. י.". אבער ס'האט פא־סירט אזעלכעס וואס האט דעם גאנצן פלאן צונישט געמאכט, און הרב פערעלמוטער איז אפגעפארן קיין ווארשע. און געשען איז אט וואס.

אייניקע דאזארעס מיטן פארשטארבענעם פרעזעס דאוויד־זאן בראש, וועלכע זיינען געוועז קעגן די אנשווינגען פון הרב פערעלמוטער און גערער רבין, דערהערנדיק, אז דער אלטער רב האט אזא ריזן־דערפאלג אין אויסלאנד, האבן דאס נישט געקאנט פארליידן און אנגעהויבן זוכן מיטלען צו שטערן אים אין זיין ארבעט. זיי האבן אין דער ווארשעווער קהלה אריינ־געטראגן אן אינטערפעלאציע, מ'זאל זאפארט טעלעגראפירן, אז הרב פערעלמוטער זאל אהיימקומען און אפגעבן א חשבון פון די געזאמלטע געלטער. אנדערע זיינען געגאנגען נאך ווייטער. מ'האט ביי דער רעגירונג געלאזט וויסן... אז דער דעפו־טאט פערעלמוטער האט „איבערגעלאזט דעם סיים, און בסוד סודות אפגעפארן פון פוילן אן א „זיי געזונט". אבער פון דער רעגירונג האט מען די „יידעלעך" געענטפערט: דאס וואס הרב פערעלמוטער טוט איז אלעס כדין. איינזעענדיק אז אויך ביי דער רעגירונג גייט גארנישט צו מאכן, איז מען געפאלן אויף אזא עצה: שעדיקן דעם פרעסטיזש פון הרב פערעלמוטער.

זיי, די „יידעלעך", האבן דורך זייערע „פען-אגענטלעך" אין א ווארשעווער צייטונג אנגעהויבן א העץ-קאמפאניע, שרייבנ-דיק, אז הרב פערעלמוטער פארט נישט בפקודת הקהלה מווארשע, נאר אויף אייגענער רעכענונג, על כן איז די ווארשע-ווער קהלה נישט פאראנטווארטלעך פאר די געלטער וואס ער זאמלט.

אבער דעם שקר האט מען באלד דערזען. די איבעריקע צייטונגען האבן אנגעהויבן א קעגן-אטאקע קעגן „די שמירער" פון יענער צייטונג, אנווייזנדיק, אז ס'איז א חלול השם וואס מען באשמוצט אזא פערזענלעכקייט ווי הרב פערעלמוטער.

ער, הרב פערעלמוטער האט שוין קיין אמעריקע איבער די געשאפענע אומשטענדן נישט געוואלט פארן. נישט דער-פאר, ווייל ער האט זיך דערשראקן פאר די אטאקעס אויף אים. ניין! ער האט פשוט נישט געוואלט, אז אין דער ווארשעווער קהלה זאל קומען צו אן עפנטלעכער מחלוקה.

זיין אנקומען קיין ווארשע, ווו דער באנהויף און די ארומי-קע גאסן זיינען געווען שווארץ פון מענשן, האט געגעבן דעם בעסטן באווייז די פארלוימדער, אז דאס וואס זיי האבן געשריבן האט מען נישט גענומען ערנסט, ווייל — דאס פוילישע יידנטום האט צו גוט געקענט זייער באליבטן רב, וועלכער האט זיך פאר זיי מוסר נפש געווען.

דער פרעזעס דאווידזאן האט זיך געווענדעט צום הרב פע-רעלמוטער ער זאל אים אפגעבן א דין וחשבון פון די געזאמל-טע געלטער. דער חשובער רב האט אים געפרעגט, מיט וועלכן רעכט קומט ער מאנען דין וחשבון? — צי בין איך דען געפארן זאמלען געלט פאר דער געמיינדע ? — האט הרב פערעלמו-טער געפרעגט — און אויב איר ווילט אזוי דוקא וויסן דעם רעכענונג, טא פארט צום גערער רבין. אים — האב איך שוין דעם חשבון אפגעגעבן.

אט אזוי האט זיך דעמאלט געענדיקט די גאנצע אינסצע-ניזירטע מחלוקה פון א טייל פון דער יידישער געמיינדע, וועל-כע האבן געוואלט באשמוצן סיי דעם הרב פערעלמוטער, סיי דעם גערער רבין און די שלומי אמונה ישראל, — ווייל אלעס וואס זיי האבן געשריבן איז געווען שקר.

ווען דער פּרעזעס דאווידזאן איז אין א קורצער צייט ארום קראנק געווארן, האט ער געשיקט נאך הרב פּערעלמוטער און געבעטן ער זאל אים מוחל זיין קעגן די עולה וואס אים איז געשען. — גלויבט מיר — האט דער קראנקער דאווידזאן גע־זאגט — איך בין נישט שולדיק געווען אין דעם גאנצן ענין. איך בין געווארן ארייגעשלעפּט פון עטלעכע „שרייבערלעך" וועלכע האבן געוואלט כאפּן פיש אין מוטנע וואסער...

מיט א כיון איז דא געבראכט געווארן די גאנצע רייזע פון הרב פּערעלמוטער ווי אויך דער גאנצער אינצידענט, כדי נאכ־אמאל צו באווייזן וואס פאר א מענש ס'איז געווען דער פאר־שטארבענער הרב פּערעלמוטער, וועלכער האט פאר אלע זיינע אויפטוען נישט נאר קיין דאנק באקומען, נאר אפּט טיף באליידיקט געווארן. וואס אנבאלאנגט די געלטער וואס ער האט געזאמלט, האט דער גערער רבי שליט"א און דער קאמי־טעט פון דער „ש.א.י." עפנטלעך דערקלערט, אז די געלטער זיינען דערהאלטן געווארן און איבעראל זיינען צוגעשיקט גע־ווארן די געהעריקע קבלות. איינע פון די קבלות מיט דער אונ־טערשריפט פון גערער רבין ברענגען מיר דא אין אריגינאל.

כבוד הגביר הנכבד רודף צדקה וחסד ויר"א
כש"ת מו"ה שמעון וויינגארטן נ"י.

דאחדשה"ט!

הנה כבוד הרב הגאון והצדיק הישיש המפורסם מר פרלמוטר שליטא אחרי שובו מדרכי לשלום תהלת כבודו בפיו כל היום ואת רב טרחו לטובת האגודה שלנו והחזקת ת"ת והישיבות. נוסף לזה במשך הזמן שהי' הרב הגאון בלונדן, הי' הוא וכתו באכסניא אצל כבודו בהספיקו להם די מחסורם וכן הוא וכל בני־ביתו שרתו אותם בשמחת לב, *) מצאנו לנכון להביע לו מעומק הלב תודה ות"ח.

*) ושגור בפי הרב הישיש הנ"ל, שהרבה מאד למד במדת הכנסת אורחים. מאת כבודו.—

גם מעירים אנו בזה שהחתימה בשולי המכתב שנחתם מהרב „א. מ. אלטר" הוא חתימת הרב הצדיק אדוננו מורנו ורבנו שליט"א מגור.—

בלי ספק כי אורח חשוב כזה הביא **ברכה לתוך ביתו,** ברכה עד בלי די, וק"ו מארון הקודש כדברי חז"ל.

גם חננו מן המודיעים שהרב הגוה"צ הנ"ל מסר לנו סך **פ"א פונט** מהנדבות שבאו לידו מביהכ"נ שכבודו מתפלל שם, **ועשרים פונט** מביהכ"נ אשר מסר לידו אחד בשמו י. פעלדמאן או פערלמאן וכן **ב' מאות וי"ד פונט** מביהכ"נ קמאשעלרויט ששם התפלל הרב הגוה"צ ביוה"כ — **תשואות חן לכולם.**

בכל אותות הכבוד ויקר
אגודת „שלומי אמוני ישראל"
בשם ועד המרכזי בפולין

(דריי אונטערשריפטן)

המזכיר: יצחק מאיר הכהן לעווין

15 קאפיטל

די לעצטע יארן פון הרב פערעלמוטער

נאך דער גאנצער מחלוקה ארום דעם פאמפלעט אויף אים האט הרב פּערעלמוטער זיך אנגעהויבן אפּגעבן א דין וחשבון:
— צי וואס טויג מיר דאס אלעס? צי איז דאס דער דאנק פאר אלע מיינע אויפּטואונגען פארן כלל ישראל? — פלעגט דער גרויז-גרויער רב זאגן צו זיינע נאענטע. אט אזוי דאנקט מען מיר פאר מיין גאנצן לעבן ארבעט? אויב דאס איז דער דאנק, איז בעסער זיך צוריקצוציען פון דער עפנטלעכער טריבונע, און זיך אפּגעבן מיט זיך אליין. ווען זיין סיים-קאדענץ האט זיך געענדיקט, האט ער זיך נישט מער אינטערעסירט ארויס-צושטעלן זיין קאנדידאטור. די רעגירונג האט אים אפילו פאר-געלייגט, ער זאל קאנדידירן אויף זייער ליסטע, אבער ער האט זיך אפּגעזאגט.

ס'האט אים נישט אינטערעסירט די קאמבינאציע וואס די אגודה האט געמאכט מיט די ציוניסטן, ארויסצושטעלן דעם הרב פּערעלמוטערס נאמען אלס קאנדידאט צום סענאט. ער האט געווארנט די אגודה, אז זיי זאלן דעם אפּמאך נישט מאכן, ווייל — עס וועט פון דעם גארנישט ווערן. און ס'האט זיך טאקע באשטעטיקט דאס, וואס ער האט פאריסגעזאגט.

א שטארקער איבערברוך אין זיין לעבן איז פארגעקומען, ווען זיין פרוי, די נאבעלע לעבענס-באגלייטערין, האט אויף אייביק אירע אייגן צוגעמאכט. נאך איר פּטירה האט ער זיך ערשט ארומגעזען ווי הילפלאז ער איז. א גאנץ לעבן אפּגעגעבן פאר יענעם, און פאר זיך, פאר זיינע קינדער — גארנישט.

און איידער ער האט נאך געקאנט שלום מאכן מיטן געדאנק, אז זיין פרוי געפינט זיך נישט מער צווישן די לעבעדיקע, האט ער באקומען א צווייטן קלאפ: זיין עלטסטער זון, דער גרויסער למדן ר׳ אריה דוד, איז געשטארבן מיט דער גמרא אין האנט. און אין א קורצער צייט שפעטער איז זיין טאכטער, (די פרוי פונם ווארשעווער מו״ה הרב ר׳ משה מעכל) געשטארבן. אט דער לעצטער קלאפ האט אים, דעם גרויסן יידן מיט זיין גרויס יידיש הארץ איינגאנצן צוזאמענגעבראכן. ער האט אנגעהויבן צו קרענקען און געמוטשט בלייבן אין שטוב. דאך, פון צייט צו צייט, ווען א ייד איז געקומען און געדארפט זיין הילף אלס שתדלן, האט ער, נישט געקוקט אויף זיין קראנקהייט, דאס בעט פארלאזט און מיט די לעצטע כחות געלאפן א טובה טון דעם ניצרך.

נישט באשערט געווען דעם אלטן קראנקן רב קיין ביסל מנוחה אפילו אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן. צוליב זיין גרויסקייט, האבן זיך מענשעלעך קליינינקע, מיט נארישע אמ-ביציעס, כסדר געזוכט אים צו רודפן. און אויב זיי האבן עס נישט געקאנט טון בעת זיין לעבן, האבן זיי פארטראכט א פלאן ווי אזוי די נקמה אויסצופירן, ווען הרב פערעלמוטער וועט זיך נישט קאנען מער פארטיידיקן, זיך נישט קאנען אקעגנשטעלן זיינע קעגנער.

קורץ פאר זיין פטירה האט פאסירט אזא פאל, וואס האט דעם רב פאר עגמת נפש שוין איינגאנצן צוגעבונדן צום בעט און מער האט ער עס נישט פארלאזט. — מ׳האט אים זיין קרקע, וואס ער האט זיך מיט קנאפע דרייסיק יאר צוריק גע-קויפט, בכיון פארקויפט צו אן אנדערן, נאר דערפאר, כדי זיך צו קאנען נוקם זיין אינם הרב פערעלמוטער. און פאסירט האט אט וואס:

דער סקאנדאל ארום הרב פערעלמוטער׳ם קרקע

צוריק מיט עטלעכע דרייסיק יאר, האט איינמאל הרב פערעלמוטער באזוכט דעם קבר פון זיין גרויסן רבין הרב ר׳ בעריש מייזעלם, וועלכער ליגט צוקאפנס פון די צוויי בארימטע

רבנים, דעם צדיק רב ישעה׳לע פראגער און דעם חמדת שלמה. זייענדיק דארט אויף די קברים פון די אויבנדערמאנטע רבנים, האט הרב פערעלמוטער אנטדעקט א פרייע קרקע און באשלא-סען דיזעלבע פאר זיך צו קויפן.

א פאר טעג שפעטער האט ער זיך געווענדעט צו די ווארשעווער דאזארעס, ווי ר׳ שבתי ברעגמאן, באנקיר רונדשטיין, ר׳ אליעזר פריוועס און אנדערע, און געבעטן מ׳זאל אים פאר-קויפן די פון אים אנטדעקטע קרקע. די דאזארעס האבן אנגע-הויבן זוכן אינם קרקע-פנקס, און אזא שטיקל פלאץ נישט גע-פונען. הרב פערעלמוטער האט איינגעלאדן אייניקע דאזארעס, זיי זאלן ארויספארן אויפן בית-עולם און זיך אליין איבערציינגן. ווי נשתומם זיינען די דאזארעס געבליבן, ווען זיי האבן זיך טאקע איבערציינגט, אז דארט, צווישן די דריי קברים, געפינט זיך נאך א שטיקל קרקע.

די דאזארעס, אויס דאנקבארקייט און אנערקענונג פאר הרב פערעלמוטערס לייסטונגען, האבן אים די קרקע געוואלט אוועקשענקען. אבער הרב פערעלמוטער האט די מתנה נישט געוואלט אננעמען. — ניין, האט הרב ר׳ אברהם צבי פערעל-מוטער געענטפערט, איך וויל מיך פירן ווי אונזער פאטער אברהם ע״ה. פונקט ווי ער האט ביי עפרון החיתי געקויפט די מערת המכפלה פאר פיר הונדערט שטיק זילבער, אזוי וויל איך אייך, ווארשעווער דאזארעס, באצאלן פאר דער קרקע פיר הונדערט רובל, כדי כ׳זאל די זכיה האבן, אחר מאה שנה, צו קאנען רוען בשכנות פון מיין גרויסן און הייליקן רבין הרב ר׳ בעריש מייזעל זצ״ל. און ליתר טוב, ווען מיר מאכן א שטר מכירה, אז איך דער ווארשעווער „עבד נרצה" האב די קרקע געקויפט.

די אויבנדערמאנטע דאזארעס, איינזעענדיק אז הרב פע-רעלמוטער האלט זיך פעסט ביי זיין באשלוס און וויל די קרקע נישט אננעמען במתנה, האבן אים פארקויפט די קרקע פאר פיר הונדערט רובל און ארויסגעגעבן די שטר מכירה.

צייטן בייטן זיך און מענשן מיט זיי.

פון די יעניקע וואס האבן דעם פארקויף-קאנטראקט אונ-

טערגעשריבן, זיינען שוין א טייל לאנג נישט צווישן די לעבע-דיקע, א טייל פון זיי האבן זיך אינגאנצן צוריקגעצויגן פון קהל׳שער ארבעט. נייע ווינטן האבן אנגעהויבן בלאזן אויף „גזשיבאווסקע 26״. צום רודער זיינען געקומען מענשן, וואס שטעלן פארטיי-פאליטיק העכער פון יעדער זאך, נישט רעכע-נענדיק זיך מיט הייליקייטן, טראדיציעס, געשעפטלעכע אפ-מאכן, איבערהויפט ווען עס האנדלט זיך אפצורעכענען מיט א פאליטישן קעגנער. דאס זעלבע האבן די נייע אויפגע-שטאנענע „גמינע-הערן״ געטאן מיטן הרב פערעלמוטער.

אין ווארשע איז געשטארבן דער חסיד און גביר פ. זיינע קינדער האבן דוקא געוואלט אים קובר זיין צווישן די קברים פון חמדת שלמה, ר׳ ישעיהלע פראגער און ר׳ בעריש מייזעל. זיי האבן אנגעבאטן א סומע פון 1400 דאלאר, און דער אויפ-זעער פון בית החיים האט זיך נישט גערעכנט מיטן פאקט וואס די קרקע איז פארקויפט און געהער צו הרב פערעלמוטער, און די קרקע פארקייפט צו די קינדער פון דעם פארשטארבע-נעם פ. נישט דאס געלט האט געצווונגען דעם בית-החיים-אויפזעער צו פארקייפן די קרקע, נאר פשוט, ס׳האט זיך גע-מאכט א געלעגנהייט דעם אלטן גרייז-גרייען רב א בים צו טון, צו נעמען אן אים נקמה פאר זיין נישט וועלן נאכטאנצן די פאליטיק פון די „הערן״ וועלכע האבן פארנומען דעם אויבנאן אויף גזשיבאווסקע.

ווען די ווארשעווער בעלי בתים האבן זיך דערוווסט פון דער נבלה, האבן זיי זיך געווענדעט צו הרב פערעלמוטער: רבי, וואס שווייגט איר? וויפיל איז דער שיעור אז איר זאלט ווערן באַ׳עולהט, פארוואס פראטעסטירט איר נישט? אויב זיי האבן געוואלט נקמה נעמען, איז זייער נקמה אויסגעפירט, טא זאלן זיי אייך כאטש אומקערן אייער געלט-שאדן. — והוכיח אברהם את אבימלך אודות הבאר, אבער נישט אודות הבור — האט הרב פערעלמוטער געענטפערט. — פאר א שטיקל גרוב וועל איך קיין מחלוקה נישט פירן, אבער מוחל זיין די יעניקע וואס האבן די מעשה נבלה אפגעטאן, וועל איך קיינ-מאל נישט, אפילו נישט דעם קהלה-פרעזעס פארבשטיין, וועל-

בער האט דערקלערט, אז ער ווייסט גארנישט וועגן דער מעשה נבלה.

ווי פארשעמט זיינען די קינדער פון הרב פערעלמוטער געווארן, ווען מ׳האט זייער גרויסן פאטער צוגעפירט צום קבר, און די וואס האבן די קרקע געגראבן, האבן דערקלערט: צו סיף קאן מען נישט גראבן, ווייל — די אנדערע קברים וועלן איינפאלן. בדוחק האט מען דעם הייליקן גוף פון הרב פערעלמוטער אריינגעשטופט צווישן די קברים פון חמדת שלמה, ר׳ ישעיה׳לע פראגער און רב בעריש מייזעל.

מיט דרייסיק יאר צוריק געקויפט זיך א קרקע, איז געקומען א צווייטער און דעם פלאץ פארנומען.

הרב פערעלמוטער, דער גרויסער ייד מיט זיין גרויס הארץ וואס האט געבלוטיקט פאר יעדער יידישער צרה, געווען א שתדלן פארן כלל ישראל, אויסגעוועון א וועלט, צו זאמלען הילף פאר זיינע נויטליידנדע ברידער, און דאך — ווען מ׳האט אים געדארפט קובר זיין, איז פאר אים קיין פלאץ נישט געווען.

— אזא גרויסע וועלט, און דאך איז קיין פלאץ נישט געווען פארן הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער.

קאפיטל 16

די לעצטע טעג פון דעם גרויסן ייד, הרב ר' אברהם צבי פערעלמוטער און זיין פטירה

ס'האט דער שוואכער גוף נישט געקאנט אריבערטראגן די אלע ליידן און רדיפות. דער שוואכער גוף איז צוזאמענגע־בראכן. די מעדיצין האט שוין גארנישט געקאנט העלפן. מ'האט געזען, אז דאס גרויסע ליכט האט אויסגעברענט און אנגעהויבן צאנקען. דאס שוואכע פלעמעלע איז געווארן קלענער און קלע־נער, און איבער ווארשע האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז הרב פערעלמוטערס טעג זיינען געציילטע.

דריי טעג פריער האט שוין הרב פערעלמוטער ז"ל גע־ווּסט גענוי דעם טאג, די שעה אפילו, ווען ער וועט אוועקגיין פון דער וועלט. ער האט זיך מכין געווען אויפצונעמען דעם „שיינעם גאסט", דעם מלאך המות, וועלכער האט שוין אריינ־געקוקט דורכן פענסטער און מודיע געווען אז עס איז צייט צו גיין מיט אים דארט אהין, כדי ער זאל אפגעבן זיין הייליקע נשמה בקדושה וטהרה וואס השי"ת האט אים געגעבן.

די לעצטע דריי טעג האט ער נאך אלע זיינע שיעורים אפגעלערנט, פונקט אזוי ווי ער האט זיך געפירט פון קינדוויז אן, אפגעלערנט זיין בלאט גמרא מיט מפורשם, געזאגט זייער א סך תהלים, געדאוונט דעם לעצטן מנחה מעריב, מחדש גע־

ווען דאס לעצטע מאל די לבנה, וואס איז געווען אנטקעגן זיין בעט.

דעם לעצטן טאג פאר זיין פטירה האבן חברה קדושא שוין געווארט מיט ליכט אין די הענט נעבן זיין בעט. ער האט נאך קוים צייט געהאט צו זאגן זיין איידעם, וואס איז א כהן (הרב ר' משה מיכל), אז ער זאל תיכף פארלאזן דאס הויז, ווייל ער גייט אוים, און באלד האבן חברה קדושה אנגעהויבן צו זאגן איבער אים די שימות, ווי ער האט נאך געהאט דעם שכל מיט־צוזאגן עטלעכע ווערטער פון די שימות, ביז דאס הייליקע ליכט פון דער מנורה, וואס האט געברענט מיט אזא הייליקייט, צוויי און ניינציק יאר, איז אויסגעלאשן געווארן און איבערגעלאזט א פינסטערניש אינם יידישן ווארשע.

די ידיעה וועגן דער פטירה פון הרב פערעלמוטער איז באלד פארשפרייט געווארן אויף דער גאנצער וועלט. מיט גרויס טרויער האט מען אויפגענומען די בשורה, אז דער חשובער רב פערעלמוטער געפינט זיך נישט מער צווישן די לעבעדיקע.

די אמעריקאנער יידן האבן די טרויעריקע בשורה אויפ־גענומען מיטן גרעסטן באדויערן. אלע יידישע צייטונגען, דער „מארגן־זשורנאל", „דער טאג", טשיקאגער, קליוולאנדער, באלטימארער צייטונגען האבן געשריבן זייער גרויסע נעקרא־לאגן ברענגענדיק די ביאגראפיע פון הרב פערעלמוטער; אפילו די גרויסע אמעריקאנער צייטונג „די טיימס" האט אפ־געגעבן א אנגעזעענעם פלאץ מיט א זייער גרויסן נעקראלאג לכבוד דעם נפטר, דעם ווארשעווער ראש בי"ד הרב פערעל־מוטער. די ענגלישע פרעסע האט געשריבן זייער גרויסע נעק־ראלאגן. די „דזשואיש קראניקל", די „פאסט" און סתם אלע ענגלישע זשורנאלן וואס האבן דעם נפטר הרב פערעלמוטער נאך געקענט ווען ער איז געווען אין ענגלאנד.

אין ווארשע גופא האט די פטירה פון הרב פערעלמוטער ארויסגערופן דעם גרעסטן טרויער. אלע געשעפטן אין דער יידישער געגנט זיינען געשלאסן געווארן. א זייער גרויסער עולם, סיי יידן, סיי קריסטן, האבן זיך פארזאמלט פאר דעם הויז פון דעם נפטר; זיי האבן ערשט מפרסם געווען וואס דער גרויסער נפטר האט פאר זיי געטאן: געהאלפן זיי אין דער

גרעסטער נויט מיט מסירות נפש. אין אלע שולן, בתי מדרשים האט מען תהלים געזאגט און געלערנט משניות.

דער סיים האט אפגעהאלטן א טרויער-זיצונג, אויף וועלכער די גרעסטע פערזענלעכקייטן מיט דעם מארשאלעק טראמפטשינסקי בראש האבן אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל און סימפאטיע דער פאמיליע פונם נפטר. דער מלוכה-פרעזידענט האט געשיקט זיין סעקרעטאר צוזאמען אין נאמען פון מארשאל פילסודסקי צו דעם נפטר אין שטוב; אויך דער גאנצער מיניסטארן-קאבינעט איז געקומען אפגעבן כבוד המת. צו דער טהרה איז א חוץ דער חברה קדושה קיינער נישט צוגעלאזן געווארן אויסער רבנים.

איידער די לויה האט זיך אנגעהויבן, זיינען די מייסטע געשעפטן געשלאסן געווארן. אין די גאסן ווו דער ארון איז אדורכגעגאנגען האבן געברענט ליכט אין די פענסטער. טויזנטער מענשן זיינען געשטאנען אויף די הייזער כדי צו זען די גרויסע לויה, וואס האט געציילט אין די צענער-טויזנטער. פאר א באלקאן אדער א פענסטער זיינען געצאלט געווארן די העכסטע פרייזן. דער גאנצער פארקער איז אפגעשטעלט געווארן ביז צום בית החיים.

אנגעהויבן האט זיך די לויה פון שליסקע 42, ווו הרב פערעלמוטער איז נפטר געווארן. צוערשט האט די רעגירונג געמאכט אן ערן-לויה. פארן ארון זיינען געגאנגען אלע בחורים פון די ישיבות, אלע קינדער פון די תלמוד-תורות. נאך דעם ארון האט זיך נאכגעצויגן די גרויסע לויה מיטן ראדזימינער רבין און אנדערע רבנים, מיט דעם ווארשעווער ראבינאט און א סך רבנים; דעלעגאטן פון די אלע שטעט, ווו דער נפטר איז אמאל געווען רב, ווי בודזענין, אשענטשין, ראטשוינז, קלעטשעוו, פאביאניץ, ראדאם און ווארשע, ווו דער נפטר איז דרייסיק יאר געווען ראש-בי״ד. און דאס גאנצע ווארשעווער יידנטום האט אפגעגעבן דעם לעצטן כבוד דעם ווארשעווער ראש בי״ד, דעם ווארשעווער „אבד נרצ׳ע״, דעם ווארשעווער מורה הוראה הרב אברהם צבי פערעלמוטער אדער, ווי מען האט אים גערופן — דער ראדאמער רב.

מספיד געווען דעם נפטר האבן אלע ווארשעווער רבנים, דער ווארשעווער ראבינאט. אין רירנדע ווערטער האבן די אלע רבנים געשילדערט די גרויסע אבדה פארן כלל ישראל בכלל און פאר דעם ווארשעווער ראבינאט בפרט.

א באזונדערס הארצרייסנדן הספד האט געהאלטן דער גרויסער גאון הרב רבי מאיר שאפירא פון לובלין. ער האט גערעדט מקירות לבו, געוויינט און מקונן געווען אויף דער גרויסער אבידה וואס דער כלל ישראל האט געליטן מיט דער פטירה פון דעם גרויסן רבי אברהם צבי פערעלמוטער. דער לובלינער רב רבי מאיר שאפירא האט אמבעסטן געקענט דעם נפטר מיט זיינע הויכע אידעאלן, מיט זיין מסירות נפש פארן יידישן פאלק. דער גאון שאפירא איז געווען כמעט דער איינציקער פאר וועמען הרב פערעלמוטער זצ"ל האט זיך זיין ביטער הארץ אראפגערעדט — סיי וועגן דער יידישער לאגע, ווי זי איסצובעסערן, אז די יידישע דעפוטאטן זאלן מיטמאכן זיין פאליטיק, און סיי וועגן ריין פערזענלעכע ענינים. צוליב דעם האט דער הספד פונם לובלינער גאון צעבראכן די הערצער פון די ווארשעווער יידן וואס האבן מיטגעוויינט צום סוף פונם הספד, בעת דער גאון שאפירא האט זיך געזעגנט מיט דעם נפטר.

אזא לויה האט די שטאט ווארשע נאך נישט געהאט געזען. די גאנצע וועלט-פרעסע האט איבערגעגעבן דעם גאנג פון דער לויה, די הספדים און דעם רושם וואס ס'האט געמאכט אין פוילן די פטירה פון דעם רב פערעלמוטער.

פרעסע אויסצוגן

מיר ברענגען דא אייניקע אויסצוגן פון דער ווארשעווער פרעסע, געווידמעט דער פטירה פון הרב אברהם צבי פערעל-מוטער.

דער „מאמענט":

„נעכטן 9 אזייגער אינדערפרי, איז אין דער וואוינונג פון זיין זון, אויף שליסקע 42, נפטר געווארן אין עלטער פון 92

יאר דער ראדאמער רב, הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער.

הרב פערעלמוטער איז די פאריקע וואך קראנק געווארן און אנגעהויבן באקומען שווערע הארץ-אטאקעס איינע נאך דער אנדערער. די דאקטוירים האבן פעסטגעשטעלט, אז דער רב ליידט אויף א שווערער הארץ-קרענק. דאך אבער האט מען זיין לאגע נישט געהאלטן פאר האפנונגסלאז, און דעם פארגאנגענעם שבת איז דעם חולה באדייטנד בעסער געווארן אזוי, אז ער האט שוין אפילו עפעס טועם געווען.

די לעצטע פאר טעג אבער האט זיך זיין צושטאנד ווידער פארערגערט און נעכטן פארטאג האט זיך אנגעהויבן די גסיסה.

דער נפטר איז געווען רב אין ווארשע אליין 30 יאר און איז אמאל געווען דער גרעסטער אויטאריטעט ביים ווארשעווער ראבינאט.

הרב פערעלמוטער איז מיט עטלעכע יאר צוריק געשטאנען בראש פון דער ארטאדאקסישער פארטיי „אגודת שלומי אמוני ישראל" און איז געווילט געווארן אלס דעפוטאט צום ערשטן פוילישן סיים און דאן אלס עלטסטער פון די דעפוטאטן דערעפנט די ערשטע פייערלעכע סיים-זיצונג. בעת דער דייטשער אקופאציע איז הרב פערעלמוטער אויך געווען מיטגליד פון „מלוכה-ראט".

דער נפטר האט איבערגעלאזט 4 זין און דריי טעכטער.

די ידיעה וועגן דעם טויט פון הרב פערעלמוטער האט זיך בליץ-שנעל פארשפרייט איבער דער גאנצער שטאט און געמאכט א שטארקן רושם."

„דער פרעזעס פון דער ווארשעווער קהלה-פארוואלטונג דעפ. פארבשטיין האט טעלעפאניש ארויסגערופן אין ראבינאט אלע ווארשעווער רבנים כדי אפצוהאלטן א טרויער-זיצונג ווי אויך באשטימען ווער עס זאל מספיד זיין דעם נפטר.

די זיצונג איז פארגעקומען 1 בייטאג און עס האבן זיך אין איר באטייליקט: פרעזעס פארבשטיין, פראפ. שאר, הרב גוטשעכטער, הרב מיכעלזאהן, הרב קאנאל, הרב כהנא, הרב יודקאווסקי, הרב פויזנער, הרב זילבערשטיין און די דאזארעס קליין און עלבינגער.

די טרויער-זיצונג האט געעפנט דעפ. פארבשטיין און אי-בערגעגעבן אין קורצע ווערטער וועגן די פארדינסטן פונם נפטר אלס למדן, רעליגיעזער ייד און כלל-טוער. נאכדעם ווי די פארזאמלטע שטייען אויף פון די ערטער, האלט א רעדע הרב כהנא, וועלכער שטעלט זיך ספעציעל אפ אויף דער ענער-גישער ארבעט פונם נפטר, וועלכער איז תמיד געשטאנען אויף דער וואך און ארויסגעטרעטן אין יעדער רבנישער אנגעלעגנ-הייט. די לעצטע יארן האט הרב פערעלמוטער, נישט קוקנדיק אויף זיין טיפן עלטער, זיך געווידמעט דער עגונות-פראגע און געזעסן גאנצע נעכט און שווער געארבעט ארום דער פראגע פון מתיר מאכן עגונות.

אין צוזאמענהאנג מיט דער לויה האט דער ראבינאט בא-שלאסן, אז די ווארשעווער יידישע באפעלקערונג זאל אויף דער צייט ווען די לויה וועט אדורכגיין האלטן געשלאסן די געשעפ-טען. אויפן בית-עלמין וועלן מספיד זיין: הרב ר׳ חיים פויזנער — אין נאמען פון דער ווארשעווער קהלה; הרב ר׳ יחזקאל צבי מיכעלזאהן — אין נאמען פון ווארשעווער ראבינאט און הרב ר׳ יצחק מאיר קאנאל — אין נאמען פון „אגודת הרבנים".

אין דער זעלבער צייט האט אויך אפגעהאלטן א טרויער-זיצונג דער ועד הפועל פון דער „אגודה". דער נפטר איז גע-ווען דער ערשטער פארזיצער פון דער דאזיקער פארטיי אין פוילן.

די „אגודת הרבנים" האט נעכטן פונאנדערגעשיקט טעלע-גראמען כמעט צו אלע רבנים אין פוילן וועגן דער פטירה פון עלטסטן ווארשעווער רב.

אין משך פון נעכטיקן טאג האט מען אין ווארשעווער רא-בינאט אנגעפרעגט פון פארשידענע העכערע רעגירונגס-אמטן דערינטער אויך פון רעגירונגס-קאמיסאריאט וועגן דעם טער-מין פון דער לויה."

„דער נפטר איז געבוירן אין לענטשיץ און איז געווען א זון פונם לאדזער למדן ר׳ לייזערקע חזן. ער איז אלס קינד גע-ווען א גרויסער עילו און ווען ער איז אלט געווען 15 יאר האט ער שוין אלס תלמיד פונם בארימטן ווארשעווער רב הרב ר׳

בעריש מייזעלס באקומען היתר-הוראה. ווען ער איז אלט גע-ווען 22 יאר איז ער געווארן רב אין איזשעניץ (קאלישער פא-וויאט) און שפּעטער איז ער געווען רב אין אשענטשין, ראַ-טשאנז, קלעטשעוו, פּאביאניץ, ראדאם און ווארשע, ווו ער איז געווען רב 30 יאר.

דער נפטר האט געשטמט אלס גרויסער למדן און גלענצנ-דער דרשן. ער האט אויך באהערשט די פּוילישע, רוסישע און דייטשע שפּראכן. אין ערשטן יאר פון דער וועלט-מלחמה, ווען די צארישע רעגירונג האט ארויסגעגעבן פארשידענע גזירות אויף יידן, איז הרב פערעלמוטער אליין אוועק, נישט האבן קיין „פּושעפּוסטקע", אין גענעראל-שטאב פון גענעראל דאנילאוו און זיך משתדל געווען מען זאל אראפּנעמען די ביטערע גזירות אויף יידן. אויך בשעת דער באלשעוויסטישער אינוואזיע האט הרב פערעלמוטער א סך געארבעט לטובת דער יידישער בא-פעלקערונג.

אין דער לויה, וועלכע וועט פארקומען היינט 12 בייטאג, וועלן זיך באטייליקן די גאנצע ווארשעווער קהלה, ראבינאט. עס ווערט אויך דערווארט דאס אנקומען פון א גאנצער רייע רביים און רבנים פון דער פּראווינץ.

מיט דער ארדנונג פון דער לויה וועלן אנפירן די ארגאני-זאציעס „צעירי מזרחי" און „צעירי אגודת ישראל".

דער לויה-קאמיטעט בעט די יידישע באפעלקערונג זיך צו-צופּאסן צו די באפעלן פון די ארדנער, כדי עס זאל נישט קומען צו אן אומארדנונג.

דער שעף פון זיכערהייטס-אמט ביים רעגירונגס-קאמיסא-ריאט ה' ליסאוואסקי האט באשלאסן זיך פּערזענלעך באטייליקן אין דער לויה.

עס איז באשטימט געווארן דאס צען פּאליציאנטן זאלן פא-רויס פארן ארון רייטן אויף פערד.

כדי צו זיכערן א פולשטענדיקע ארדנונג ביי דער לויה, וועלן צוויי פּאליציי-אפּטיילונגען ארומרינגלען דעם ארון מיט די מלוים. עס איז אויך דעלעגירט געווארן א גרויסע אפּטיילונג

אגענטן, וועלכע דארפן פארהיטן פון עוועגטועלע פראווא-
קאציעס.

וועגן די לעצטע מינוטן פאר דער פטירה גיט מען איבער פאלגנדע פרטים:

8 מיט 40 מינוט אינדערפרי, האט הרב פערעלמוטער צו-
גערופן זיין איידעם הרב ר׳ משה מיכל קאהן און אים געזאגט:
„גיי אוועק פון בעט, דו ביסט דאך א כהן". אין עטלעכע מינוט
ארום איז ער נפטר געווארן.

די נעכטיקע פוילישע אוונט-פרעסע ווידמעט גרעסערע
נאטיצן דער פטירה פונם עלטסטן ווארשעווער רב הרב פע-
רעלמוטער.

די נאטיצן זיינען געשריבן אין א זייער ווארימען טאן און
אומעטום ווערט אונטערשטראכן, אז הרב פערעלמוטער איז
געוועזן א הייסער פאטריאט פון פוילן.

אין „אונזער עקספרעס":

נעכטן 9 אזייגער פרי איז אין עלטער פון 87 יאר נפטר
געווארן דער בארימטער רב הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער,
דער עלטסטער פון די ווארשעווער רבנים, באקאנט אונטערן
נאמען „ראדאמער רב".

מיט קנאפע דריי וואכן צוריק האט הרב פערעלמוטער זיך
אנגעהויבן פילן נישט גוט און ער איז דעריבער ארויסגעפארן
קיין פאלעניץ. אזוי ווי דארט איז אים געווארן אלץ ערגער און
ער האט זיך געגוויטיקט אין מעדיצינישער אויפזיכט, האט מען
אים פאראכטאגן מיטוואך געבראכט קיין ווארשע. צוליב דעם
וואס אין זיין וואוינונג אויף גזשיבאווסקע 14 קומט פאר א רע-
מאנט, האט מען אים אריבערגעפירט אין דער וואוינונג פון
זיין עלטערן זון אויף שליסקע 42.

אין דער פארגאנגענער נאכט האט זיך דער נפטר געפילט
באדייטנד בעסער, ער איז געוועזן ביים פולן באוווסטזיין און
אלעמען געזאגט, אז עס דערנענטערט זיך די פטירה. דעמאלט
זיינען אנוועזנד געוועזן א פאר מנינים מענשן, וועלכע האבן
געזאגט תהלים.

דער נפטר האט איבערגעלאזט 5 זין און 4 טעכטער. ווי מען גיט איבער, זאל אלס ממלא מקומו באשטימט ווערן דעם נפטר׳ס איידעם, ר׳ משה מיכל קאהן פון טווארדע 36, א באַרימטער למדן.

* * *

הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער איז געבוירן געווארן מיט 92 יאר צוריק דעם ערשטן טאג שבועות אין שטעטל לענטשיץ ביי פארמעגלעכע און זייער חסידישע עלטערן. אלט ווערענדיק 20 יאר, איז ער געווארן רב אין אשענטשין, נאכהער אין בוזשענין, ראטשאנז, קלעטשעוו, פאביאניץ, ראדאם און ווארשע. קיין ווארשע איז ער אנגעקומען אין 1902, אלס פארטרעטער פון ר׳ זיינוועלע ז״ל.

דער נפטר האט א חוץ זיין גרויס לומדות אויך געהערט צו די געציילטע רבנים פון פאריקן דור, וואס האבן אויך געקענט למודי חול, האט גערעדט גוט רוסיש, פויליש און דייטש.

דער נפטר האט זיך זיינערצייט בארימט געמאכט מיט זיינע פילמאליקע שתדלנותן לטובת דער יידישער באפעלקערונג. באזונדערס אין די ערשטע מלחמה-יארן, בעת דאס רוסישע מיליטער האט פאגראמירט און געשאכטן יידישע פאמיליעס אין די קלענערע שטעטלעך.

בעת די דייטשע אקופאנטן האבן געשאפן דעם מלוכה-ראט, איז הרב פערעלמוטער געווען איינער פון זיינע אנגעזעענסטע מיטגלידער. אינם באנייטן פוילן איז ער מצד די „שלומי אמוני ישראל״ אויסגעוויילט געווארן אלס דעפוטאט אין ערשטן פוילישן סיים און אלס עלטסטער דעפוטאט איז ער באערט געווארן מיטן דערעפענען די ערשטע היסטארישע סיים-זיצונג.

דער נפטר האט געדרוקט עטלעכע ספרים, ווי „דמשק אליעזר״, „ארץ צבי״ א. אנד. וואס זיינען הויך געשעצט געווארן אין דער לומדישער וועלט.

* * *

נעכטן איז די וואוינונג אויף שליסקע 42, ווו עס געפינט זיך דער נפטר, באלאגערט געווארן מיט מאסן מענשן.

פרעמיער סלאוועק האט צוגעשיקט צו דער פאמיליע פון נפטר א ספעציעלע קאנדאלענץ פון מיטגעפיל אין נאמען פון דער רעגירונג.

ס'זיינען אנגעקומען מעלדונגען פון אינערן- און בילדונגס-מיניסטעריום און פונם רעגירונגס-קאמיסאריאט, אז זיי ווילן אנטיילנעמען אין דער לויה.

צו דער לויה וועלן קומען קיין ווארשע א גאנצע רייע אנגעזעענע רבנים און רביים, צווישן זיי אויך די רביים פון גער, אלעקסאנדער, סאכאטשעוו, אסטראווצע, ראדזימין און אנד. פון לאדז וועט קומען א ספעציעלע דעלעגאציע פון ראבינאט.

די לויה וועט פארקומען היינט 1 אזייגער בייטאג פון שליסקע 42 אויפן גענשער בית-עולם. קובר זיין וועט מען אים נעבן דעם בארימטן פראגער רב ר' שעי' פראגער. די דאזיקע קרקע האט זיך דער נפטר געקויפט מיט קנאפע דרייסיק יאר צוריק.

נעכטן בייטאג איז צונויפגערופן געווארן א ספעציעלע זיצונג פון ראבינאט צוזאמען מיט פראפ. שאר, פרעזעס פארבשטיין און כמעט אלע דאזארעס.

נעכטן פארנאכט זיינען אין דער וואוינונג וווּ עס ליגט דער נפטר געקומען: דער פרעמיער-מיניסטער סלאוועק, אינערן-מיניסטער גענעראל סקלאדקאווסקי, בילדונגס-מיניסטער טשערווינסקי און רעגירונגס-קאמיסאר קאוועצקי, מיט צוועק אויסצודריקן מיטלייד אין נאמען פון דער רעגירונג דער פאמיליע פונם נפטר.

אין היינטיקן „מאניטאר פאלסקי" וועט זיין פארעפנטלעכט א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט וועגן געבן דעם ארדן „פאלאניא רעסטיטוטא" דעם פארשטארבענעם הרב פערעלמוטער.

דאס געבן דעם ארדן איז נאך באשטעטיקט געווארן לכבוד דעם 3-טן מאי. נאר דאס פארעפנטלעכן די נעמען איז דעמאלט אפגעלייגט געווארן אויף נאוועמבער. אבער צוליב דער פטירה פון הרב פערעלמוטער ווערט דער דעקרעט היינט פארעפנטלעכט.

* * *

די פארוואלטונג פון דער יידישער קהלה האט נעכטן דער-האלטן א טעלעגראמע פון בילדונגס-מיניסטער טשערווינסקי וועלכער דריקט אויס זיין טיפן מיטגעפיל צוליבן טויט פונם „איידעלן און חשובן בירגער", הרב פערעלמוטער.

אין שייכות מיט דער פטירה פון הרב פערעלמוטער ז"ל, איז אין ראבינאט פארגעקומען א ספעציעלע זיצונג מיט דער באטייליקונג פון די רבנים און אייניקע פארוואלטונגס-מיט-גלידער.

פרעזעס ה' פארבשטיין עפנט די זיצונג, ווידמענדיק וואַ-רימע ווערטער דעם נפטר און אונטערשטרייכנדיק זיין גרויסע טעטיקייט אויפן פעלד פון רבנות. די אנוועזנדע בארן זיין אנדענקען מיט אויפשטיין פון די ערטער.

הרב כהנא שטרייכט אונטער די מעלות פונם נפטר בכלל און גאנץ באזונדער זיין טעטיקייט אין עניני היתר-עגונות בעת דער וועלט-מלחמה.

דאן איז באשלאסן געווארן: א) צו ווענדן זיך צו דער יידי-שער באפעלקערונג וועגן שליסן די געשעפטן אויף איין שעה בעת דער לויה; ב) הרב פויזנער זאל דעם נפטר מספיד זיין אין נאמען פון דער קהלה-פארוואלטונג; ג) הרב מיכעלזאן — אין נאמען פון ראבינאט, ד) הרב קאנאל — אין נאמען פון דער „אגודת הרבנים" אין פוילן.

הוי ואבוי! אבל בכיר לעדתנו ווארשא

נפלה עטרת ראשנו הגאון המובהק, יראת אלהים אוצרו, חסיד יעניו, ישר וצדיק בכל דרכיו, נזר הרבנים, דורש טוב לעמו, זקן החבירה לועד הרבנים דפה

אברהם צבי ז"ל פערלמוטער

בשבעים שנה נשא עליו עטרת הרבנות בפולין ובשלישים שנה מראשי הרבנים בעירנו ווארשא ונתבקש לישיבה של מעלה זקן ושבע ימים ביום החמישי לס' „נשא את ראש" תר"ץ.

המודיעים ברמע ובצער גדול

ועד הרבנים לעדת ווארשא.

לכל יהודי ווארשא!

ברוח נכאה ובשברון לב הרינו מודיעים על האסין הגדול שקרה לעדתנו עם פטירתו של זקן הרבנים הרה"ג הגדול ר' אברהם צבי ז"ל פערלמוטער

הרינו פונים לכל אנשי עירנו לחלק להרב המנוח את הכבוד האחרון ולהשתתף בהלויתו היום ו' נשא בשעה 1 אחה"צ ממעוני שליסקא 42.

הקהלה העברית בווארשא.

פון „עקספרעס":

די ידיעה וועגן דעם טויט פונם איבעראל-באוווסטן און געאכטעטן „ראדאמער רב" הרב פערלמוטער, האט אין אלע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג ארויסגערופן א שטאר-קען טרויער.

פיל טויזנטער מענשן זיינען געקומען צו דער לויה פונם נפטר, וואס איז פארגעקומען פרייטיק פון דער וואוינונג פון זיין זון (שליסקא 42). חוץ פון ווארשע זיינען געקומען אויך פיל יידן פון דער פראווינץ אפצוגעבן דעם נפטר זיין לעצטן כבוד.

די גרעסטע יידישע קהלות פון דער פראווינץ (לאדז, קרא-קע, ראדאם, פלאצק, קאליש, שעדלעץ, ווילנע א. א.) האבן צו-געשיקט קאנדאלענץ-דעפעשן ווי אויך ספעציעלע דעלעגא-ציעס צו דער לויה.

פיל הונדערטער רבנים ווי אויך א ריי אנגעזעענע רביים זיינען געקומען צו דער לויה. צווישן אנדערע זיינען געקומען די רביים פון אטוואצק, אמשינאוו, סקערנעוויץ, ראדזימין, גרא-דזיסק. עס איז אויך געקומען ספעציעל דער גרינדער פון דער „ישיבת חכמי לובלין", געוו. סיים-דעפוטאט הרב מאיר שא-פירא.

שוין פון באלד אינדערפרי האבן זיך אויף שליסקא געגו-מען זאמלען הונדערטער און טויזנטער יידן. אזייגער 12 איז די גאנצע גאס געווען שווארץ פון מענשן.

פינקטלעך 1 אזייגער האט געריר דער טרויער-צוג. אין דער גאנצער געגנט, ד. ה. אויף די גאסן קאמיטעטאווא, טווואר-

דא, גזשיבאוו, גראניטשנא, זשאביא, פלאץ באנקאווי, פושעיאזד, נאוואליפקי, דזשיקא, גענשא איז דער רעדער-פארקער געווען אפגעשטעלט. פיל קראמען זיינען געווען געשלאסן אלס צייכן פון טרויער.

בראש פונם טרויער-צוג זיינען געפארן פיר רייטער-פאלי-ציאנטן. נאך זיי איז געגאנגען א פאליציי-אפטיילונג בראש מיט די קאמיסארן שניידער, ביערנאצקי און טהארן.

אינם מאמענט ווען דער צוג איז אנגעקומען אויף אקאפא-ווע האט דער המון מיט געוואלט זיך ארייננגעריסן אויפן בית-עולם. דערביי איז געווארן אזא געדראנג, אז עס האט פשוט געדראט מיט א קאטאסטראפע. זקנים און פרויען זיינען גע-ווארן געטרעטן מיט די פיס. די מהומה האט אבער געדויערט נאר א קורצע ווייל, ווייל פאליציי האט באלד באהערשט די סיטואציע, אדאנק וואס עס זיינען נישט געווען קיין קרבנות. דעם טויער פון בית-עולם האט מען געשלאסן און אפגערייניקט דעם פלאץ ארום בית-החיים.

דער געריער רבי האט נישט געקאנט אנטיילנעמען אין דער לויה און ער האט צוגעשיקט א קאנדאלענץ-בריוו.

נאך דער עגלה זיינען נאכגעגאנגען די קינדער פונם נפ-טר. דאן דער ראבינאט, פארוואלטונג און ראט פון דער קהלה און די רביים.

אויפן בית-עולם זיינען אראפגעקומען די פאלגנדע רעגי-רונגס-פארשטייער: נאטשעלניק סוכענעק און רעפערענט ה' האפטקע (פון אינערן-מיניסטעריום), מיניסטעריאל-ראט דעמ-ביצקי (אויסערן-מיניסטעריום), רעפערענט טרוזשעניצקי (ביל-דונגס-מיניסטעריום), וויצע-וואיעוואדע אלפינסקי, רעפערענט ה' שטיינבאק (רעגירונגס-קאמיסאריאט), שעף פון זיכערהייט-אמט ה' ליסאווסקי און פיל אנדערע.

מצד דעם פארלאמענטארישן קלוב פון רעגירונגס-בלאק האבן אין דער לויה אנטיילגענומען די דעפוטאטן פאליאקע-וויטש און ברון.

מספיד געווען דעם נפטר האבן: הרב פויזנער — אין נאמען פון דער קהלה; הרב מיכעלזאן — אין נאמען פון רא-

בינאם; הרב קאנאל — אין נאמען פון „אגודת הרבנים אין הרב שאפירא — אין נאמען פון „מועצת גדולי התורה".
אזייגער 5 איז פארגעקומען די קבורה.

אין „מאמענט":

דאס יידישע ווארשע האט פרייטיק אפגעגעבן זיין לעצטן כבוד דעם עלטסטן ווארשעווער רב הרב ר' אברהם צבי פערל-מוטער ז"ל.

טויזנטער יידן האבן שוין פון גאנץ פרי איבערפולט די שליסקא, סאסנאווא און די ארומיקע גאסן, ווו די לויה האט גע-דארפט דורכגיין. אין דער דירה ווו דער נפטר איז געלעגן זיי-נען כסדר געקומען דעלעגאציעס פון דער פראווינץ. עס זיינען געקומען דעלעגאציעס פון די קהלות אין קראקע, ווילנע, סאס-נאוויץ, ראדאם און אנדערע שטעט.

ארום 10 אינדערפרי איז געקומען אין דער דירה פונם נפטר דער שעף פון אמט פאר נישט-קריסטלעכע אמונות ביים בילדונגס-מיניסטעריום גראף פאטאצקי און אויסגעדריקט מיט-געפיל אין נאמען פון בילדונגס-מיניסטעריום. באלד דערנאך איז געקומען אין פולן אוניפארם דער ווארשעווער פאליציי-קאמענדאנט משיניאווסקי. ער איז אריין אין דער שטוב ווו דער נפטר איז געלעגן און אלס צייכן פון כבוד פארן מת זיך געשטעלט אויף „באטשנאשטש" און איז אוועק. אזייגער 1 איז ער ווידער געקומען און זיך באטייליקט אין דער לויה. באלד זיינען אויך אנגעקומען דער ווארשעווער וויצע-וואיעוואדע אל-פינסקי מיטן שעף פון זיכערהייט-אמט ליסאווסקי און געגעבן אינסטרוקציעס די קאמיסארן וועגן דער ארדנונג בעת דער לויה. דאן זיינען אנגעקומען דער פרעזעס פון דער ווארשעווער קהלה-פארוואלטונג דעפ. פארבשטיין, פראפ. שאר, פולקאווניק ד"ר מיזעס, טרוסקער, ראטמאן עלענבערג, ראטמאן גוטגעלד, עקערמאן, דאזאר ראזענבערג, ראטמאן טראקענהיים, וויצע-פרעזעס פון קהלה-ראט ד"ר גאטליב א. א. עס זיינען אויך געקומען דער ראדזימינער רבי, מינסקער רבי, ראדזינער רבי, קוזמירער רבי, אמשינאווער רבי, אפאלער רבי, געוו. דעפוטאט הרב שאפירא פון פיעטריקאוו.

דאס אנקומען פון די רביים האט געבראכט צו א שטאר־קער ענגשאפט, ווייל דער עולם האט זיך געשטופט צו זיי.

עטלעכע מינוט פארן רירן פון דער לויה איז אין א מינים־טעריאלן אויטא אנגעקומען דער שעף פון אינערן־מיניסטעריום פאר ענינים פון די מינדערהייטן ה׳ סוכענעק ווי אויך דער רעפערענט פאר יידישע ענינים ה׳ האפטקא. עס איז אויך גע־קומען צו דער לויה א פארשטייער פון אויסערן־מיניסטעריום אין דער פערזאן פון ה׳ דעמביצקי ווי אויך דער פארשטייער פון בילדונגס־מיניסטעריום ה׳ טכוזשניצקי. אויפן בית־עולם האט דעפ. פארבשטיין צוגעפירט צום נפטר׳ס איידעם דעם ה׳ סוכענעק, וועלכער האט אויסגעדריקט מיטגעפיל אין נאמען פון אינערן־מיניסטעריום.

ארום 1 אזייגער האט מען אראפגעטראגן דעם ארון. די ענגשאפט איז אבער געווען אזוי גרויס, אז די פאליציי האט געמוזט ענערגיש ארבעטן אויף דורכצושלאגן א וועג, אז די „עגלה" זאל קאנען ארויספארן. און מיט צופרידנהייט מוז מען פעסטשטעלן, אז די פאליציי האט געארבעט ענערגיש און דאך דערביי מיט גרויס דרך־ארץ פארן נפטר. שוין 200 מעטער פאר דער עגלה פארויס איז געגאנגען א קאמיסאר און אפגע־שטעלט דעם גאנצן פארקער אויף די גאסן.

הארט ביי דער עגלה זיינען געריטן פון ביידע זייטן צוויי רייטער־פאליציאנטן, וועלכע האבן אזוי ארום אפגעשניטן דעם זייטיקן עולם, ער זאל זיך נישט צושטופן צו דער עגלה. באלד נאך דער עגלה איז געגאנגען די פאמיליע פונם נפטר, דאן די פארשטייער פון דער ווארשעווער קהלה־פארוואלטונג, ראבי־נאט, פראווינצער דעלעגאציעס און א ריזיקער עולם סתם־יידן. די ארגאניזאציעס „צעירי מזרחי" און „צעירי אמונת ישראל" האבן געשלאסן א קייט ארום דעם צוג.

א גאר גרויסער עולם איז געווען אינדערפרי פארזאמלט אויפן גענשער בית־עולם. ארום 11 אזייגער איז אנגעקומען אויפן בית־עולם דער קאמיסאר טארן, פון 3־טן קאמיסאריאט, און מיט דער הילף פון א גרויסער פאליציי־אפטיילונג אלעמען באזייטיקט.

די לויה איז געגאנגען דורך שליסקא, קאמיטעטאווא, מא־

ריאנסקא, טווארדא, גזשיבאווסקא, גראניטשנא, באנק-פלאץ, רימארסקא, פּושעיאזד, דזשיקא און גענשא.

אויף אלע גאסן ווו די לויה איז דורכגעגאנגען האבן גע-ווארט טויזנטער מענשן. עס זיינען אויך געווען געשלאסן בעתן דורכגיין פון דער לויה אלע יידישע און קריסטלעכע געשעפטן.

א שרעקלעכע אומארדנונג איז אנטשטאנען ווען די עגלה איז צוגעקומען צום טויער פון בית-עלמין. מען האט ארויס-געגעבן א באפעל נישט אריינצולאזן קיינעם פונם זייטיקן עולם און דאס טויער איז פארהאקט געווארן. דאס האט געבראכט דערצו, אז מענשן זיינען געפאלן איינער אויפן אנדערן. עס איז געווארן א שרעקלעכע מהומה און ווי על פי נס זיינען קיין מענשלעכע קרבנות נישט געווען.

אויפן בית-עלמין האבן געווארט די פארשטייער פון אי-נערן-מיניסטעריום סוכענעק און האפטקע. ס'איז אויך געקומען א ספּעציעלער דעלעגאט פון אינערן-מיניסטעריום טכוזשינ-סקי. דער סיים-קלוב „בעבע" האט דעלעגירט דעם וויצע-פּרע-זעס פון קלוב דעפ. פּאליאקעוויטש און דעם פארשטייער פון סעקרעטאריאט פון „בע-בע-קלוב" ה' יחיאל מאסטבוים.

די „טהרה" האט געדויערט א שעה צייט און דאן האבן זיך אנגעהויבן די הספדים.

אין נאמען פון דער קהלה-פארוואלטונג האט מספּיד גע-ווען הרב פּויזנער; אין נאמען פון ראבינאט — הרב מיכעל-זאן, אין נאמען פון „אגודת הרבנים" — הרב קאנאל און הרב שאפּירא האט מספּיד געווען אין נאמען פון „מועצת גדולי התורה" און צום סוף האט מספּיד געווען דעם נפטר זיין זון ר' אפרים. דעם נפטר האט מען קובר געווען אין זיין געקויפ-טער קרקע וועלכע געפינט זיך צווישן „אהל" פון „חמדת שלמה" און ר' ישעיה'לע פראגער.

צווישן די פיל טעלעגראמעס וואס זיינען נעכטן אנגעקו-מען צו דער פאמיליע פון נפטר איז אויך פאראן א טעלעגרא-מע פונם קראקעווער וואיעוואדע און פון הרב שאטלאנד פון אמעריקע. א סך מיטגעפיל-טעלעגראמעס זיינען נעכטן אנגע-קומען אין דער ווארשעווער קהלה.

אין „היינט״:

ווי ס׳איז געווען פאראויסצוזען, האט די לויה פון הרב פע־רעלמוטער צוגעצויגן א קאלאסאלן עולם.

שוין 10 אזייגער אינדערפרי האבן זיך אין טויער און אין הויף שליסקא 42 אנגעהויבן צונויפקלייבן מאסן יידן און באלד איז דער גאנצער הויף געווארן געפאקט פון מענשן און אויך אויפן גאס איז געווען שווארץ.

11 אזייגער איז צום טויער אנגעקומען א גרויסע אפטיי־לונג פאליציי, וועלכע האט אנגעהויבן מאכן ארדנונג און נישט דערלאזט צופיל מענשן זיך פארזאמלען אויפן גאס. אבער פון אלע זייטן האבן אנגעהויבן שטראמען מענשן אזוי, אז די פא־ליציי האט זיך קנאפ־וואס געקאנט אן עצה געבן מיטן גרויסן עולם.

12 אזייגער האבן אנגעהויבן אנקומען די דעלעגאציעס און פארשטייער פון פארשידענע אינסטיטוציעס. עס זיינען געקומען די פארשטייער פון א גאנצער ריי קהלות. עס זיינען געקומען אלע ראזארעס מיטן פרעזעס דעפ. פארבשטיין בראש, א גרויסע צאל פרנסים מיטן וויצע־פרעזעס ד״ר גאטליב בראש, עס זיינען געקומען די רביים פון אמשינאוו, מינסק, ראדזין, ראדזימין, אפאלע, און אויך עטלעכע צענדליק רבנים, צווישן זיי דער פיאטריקאווער רב הרב שאפירא.

פון די רעגירונגס־פארשטייער זיינען געווען: דער שעף פאר מינדערהייטס־ענינים אין אינערן־מיניסטעריום, סובענעק, און דער רעפערענט פאר יידישע ענינים ה׳ האפטקע; אין נאמען פון אויסערן־מיניסטעריום — מיניסטעריאל־ראט דעמ־ביצקי; אין נאמען פון בילדונגס־מיניסטעריום — דער רעפע־רענט פאר יידישע ענינים טכוזשניצקי; אין נאמען פון קריגס־מיניסטעריום — דער הויפט־ראבינער פון מיליטערישן ראבי־נאט פולקאווניק ד״ר יוסף מיזעס; אין נאמען פון רעגירונגס־קאמיסאריאט — וויצע־וואיעוואדע אלפינסקי, שעף פון דער זיכערהייטס־אפטיילונג ליסאווסקי, רעפערענט פאר יידישע ענינים שטיינבאק; אין נאמען פון ב.ב.־קלוב — דעפוטאט פאליאקעוויטש, דעפ. ברון און יחיאל מאסטבוים.

עטלעכע מינוט נאך 1 האט די לויה געריקט פון ארט. פארויס האט געריטן א גרויסע אפטיילונג פאליציי מיט דעם קאמיסאר פון 8-טן קאמיסאריאט ה׳ שניידער בראש. דער עולם איז געווען אזא גרויסער און עס איז געווען אזא ענג-שאפט, אז די פאליציי האט שטארק געדארפט ארבעטן, כדי צו מאכן א וועג פאר דער עגלה.

אין די גאסן, ווו די לויה איז דורכגעגאנגען, זיינען די טראטוארן געווען געפאקט פון מענשן. אויך די פענסטער און באלקאנען זיינען געווען באזעצט מיט מענשן. בעת די לויה איז דורכגעגאנגען, זיינען א סך יידישע געוועלבער געווען גע-שלאסן.

ווען די עגלה איז צוגעקומען צום עק גענשא און סמאטשא, האבן די נאענטע פון נפטר ארויסגענומען דעם ארון פון דער עגלה און מען האט אים געטראגן ביז צום בית-עולם.

דארט איז די לויה אפגעווארט געווארן דורך א גרויסער אפטיילונג פוס- און רייטער-פאליציי אונטער דער אנפירונג פונם קאמיסאר פון דריטן קאמיסאריאט טארן. נאכדעם ווי די עגלה מיטן ארון און עטלעכע הונדערט מענשן זיינען אריין אויפן בית-עולם, האט די פאליציי אפגעשניטן דעם איבעריקן עולם און אנגעהויבן אים פונאנדערטרייבן.

צווישן דעם עולם האט אויסגעבראכן א שטארקע מהומה, און מענשן, וואס האבן נישט געוווסט וואס דא איז געשען, האבן אנגעהויבן שרייען. אין פארלויף פון עטלעכע מינוט איז דער גאנצער פלאץ ארום בית-עולם געווען אפגערייניקט פון מענשן.

צוליב דעם אבער, וואס יידן האבן זיך דוקא געוואלט אריינכאפן אויפן בית-עולם, האט זיך די פאליציי כסדר ארומ-געיאגט מיט זיי און עטלעכע מאל איז טאקע געקומען צו זייער אומאנגענעמע אינצידענטן.

טראץ דער גאנצער שטרענגקייט האט זיך דאך אויפן בית-עולם אריינגעקריגן א היפשער עולם.

נאכדעם ווי ס׳איז דורך דער חברה קדישא געמאכט גע-ווארן די טהרה, האבן דעם נפטר מספיד געווען: הרב פויזנער

— אין נאמען פון דער קהלה; הרב מיכעלזאן — אין נאמען פון ראבינאט; הרב קאנאל — אין נאמען פון אגודת הרבנים און הרב שאפירא — אין נאמען פון „מועצת גדולי התורה".

דער נפטר איז צו קבורה געקומען נעבן דעם אהל פון פראגער רב ר' ישעיה'לע פראגער ז"ל. ווי מיר האבן שוין גע־שריבן, האט דער נפטר די דאזיקע קרקע געקויפט נאך מיט 30 יאר צוריק.

די פאמיליע פונם נפטר האט פרייטיק באקומען פון יוס־טיץ-מיניסטער צאר פאלגנדע דעפעשע:

צוליבן טויט פון דעם אלגעמיין געאכטעטן רב פערעל־מיטער, פוילנס פארדינסטפולן זון — דריק איך אויס אויפ־ריכטיקן מיטגעפיל.

סטאניסלאוו צאר, יוסטיץ-מיניסטער.

* * *

(יט"א). די פארוואלטונג פון דער יידישער קהלה האט באקומען פאלגנדע דעפעשע פון בילדונגס-מיניסטער טשער־ווינסקי:

„צוליבן טויט פונם העכסט-פארדינסטפולן עלטסטן מיט־גליד פון ווארשעווער ראבינאט, דעם חשובן בירגער פון לאנד הרב פערעלמוטער, שיק איך איבער דער יידישער רעליגיעזער קהלה פון ווארשע אויסדריקן פון אויפריכטיקן מיטגעפיל."

(יט"א). דער פרעזעס פון דער ווארשעווער יידישער קהלה דעפ. פארבשטיין האט באקומען פון ארבעטס-מיניסטער ה' אלעקסאנדער פריסטאר פאלגנדע דעפעשע:

צוליבן טויט פון הרב פערעלמוטער ז"ל דריק איך אויס מיין אויפריכטיקן מיטגעפיל."

פרייטיק האבן אויפן יידישן בית-עולם אויסגעדריקט זייע־רע מיטלייד-געפילן דער משפחה פון הרב פערעלמוטער דורך זיין איידעם הרב כהן, שעף פון מינדערהייט-ענינים סוכענעק אין נאמען פון אינערן-מיניסטעריום, דעפ. ברון אין נאמען פון רעגירונגס-בלאק, וויצע-קאמיסאר אלפינסקי אין נאמען פון רעגירונגס-קאמיסאריאט, ה' טכוזשניצקי אין נאמען פון קול־

טוס-מיניסטעריום און ראבינער מיזעס אין נאמען פון קריגס-מיניסטעריום.

פון „מאמענט״:

קאנדאלענץ-דעפּעשע פון מיניסטער צאר.

פּרייטיק פּאַרנאַכט איז אנגעקומען צו דער פאמיליע א מיטגעפיל-דעפּעשע פון יוסטיץ-מיניסטער צאר. די דעפּעשע האט געהאט פאלגנדן אינהאלט: צוליב דעם טויט פונם אל-געמיין געשעצטן רב, וועלכער האט געהאט גרויסע פאַרדינסטן פאר פוילן, דריקט אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל

סטאניסלאוו צאר.

פונם גערער רבין:

פונם גערער רבין איז אנגעקומען א בריוו, אין וועלכן ער דריקט אויס א טרייסט דער משפחה און ער באדויערט וואס ער קאן צו דער לויה נישט קומען.

עס זיינען אויך אין משך פונם נעכטיקן טאג אנגעקומען לערך 100 טעלעגראמעס פון פארשידענע קהלות און רבנים.

„פאלאניא רעסטיטוטא״

ידי מען טיילט אונז מיט פון פרעזידיום פון מיניסטארן-ראט וועט מען דעם ארדן „פאלאניא רעסטיטוטא״, וואס איז באשטימט געווארן פארן נפטר נאך דעם 3-טן מאי, צושיקן דער פאמיליע פון נפטר באלד נאך די חגאות.

קאנדאלענצן.

די ווארשעווער קהלה-פארוואלטונג האט נעכטן באקומען פון דעם בילדונגס-מיניסטער טשערווינסקי פאלגנדן מיטגע-פיל: „צום טויט פונם פארדינסטפולן עלטסטן מיטגליד פון ווארשעווער ראבינאט און חשובן בירגער פון לאנד הרב פּע-רעלמוטער, שיק איך איבער דער יידישער רעליגיעזער גע-מיינדע אין ווארשע אויסדרוקן פון אויפריכטיקן מיטגעפיל.״

די אגענטור „פּרעס״ האט נעכטן פונאנדערגעשיקט פאל-גענדן קאמוניקאט:

* * *

„צוליבן טויט פון הרב פערעלמוטער, דעפּוטאַט צום ערש־טעןסיים, באַטייליקטער אינם אויפשטאַנד פון יאַר 1863, האָבן נעכטן באַלייגט קאָנדאָלענצן דער פאַמיליע: פּרעמיער סלאַוועק, מיניסטער סקלאַדקאָווסקי, מיניסטער טשערווינסקי, רע־גירונגס־קאָמיסאַר, וואָיעוואָדע קאָוועצקי.“

* * *

דער געוועזענער פּרעמיער און בילדונגס־מיניסטער פּראָפ. אַנטאָני פּאַניקאָווסקי, וועלכער פּלעגט זיך אָפט פאַרשטענדיקן מיטן נפטר וועגן פאַרשידענע יידישע אַנגעלעגנהייטן, האָט נעכטן בייטאָג צוגעשיקט דעם ראַבינאַט אַ קאָנדאָלענץ צוליב דער פּטירה פון הרב פּערעלמוטער.

קאפיטל 17

די נקמה...

אבער נאך איידער די ערד פונם קבר האט זיך פארטרו־קענט, האט מען זיך א נעם געטאן צו דער פון פריער אוים געפלאנטער נקמה. אין דער שבעה, האט ה׳ העשל פארב־שטיין, דער פלאם־פייערדיקער מזרחיסט זיך דערלויבט צוצו־נעמען ביי די קינדער פונם גרויסן נפטר, די מעלדונגס־ביכער, צונעמענדיק ביי זיי דעם מקור פון פרנסה; ווייל זייער פאטער האט זיי א חוץ ספרים גארנישט איבערגעלאזט. אין דער צוואה וואס מ׳האט געפונען, שרייבט דער הרב פערעלמוטער ז״ל: „א חוץ אביסל ארץ־ישראל־ערד און ספרים, פארמאג איך גארנישט. מיין גאנץ לעבן האב איך געשטרעבט, זיך צו בא־זעצן אין ארץ ישראל, אבער צוליב מיין ארימקייט האב איך עס נישט געקאנט אויספירן.״ ער, העשל פארבשטיין, האט אלס פרעזעס פון דער ווארשעווער קהלה אפגעראנקט די קינדער פאר זייער פאטערס דרייסיק־יאריקער ארבעט אלס ווארשע־ווער ראש בית־דין, צונעמענדיק, ווי שוין געזאגט, די מעל־דונגס־ביכער.

מיר ווען דא ציטירן אייניקע פרעסע־אויסצוגן וועגן ה׳ פארבשטיינס שאנדטאט.

„יידיש טאגבלאט״ נר. 207:

א שאנדע!

עס איז נאך פריש אין זכרון דער טרויעריקער רושם וואס

די פּטירה פון הרב פּערעלמוטער האט ארויסגערופן אין די יידישע קרייזן אויף דער גאנצער וועלט. עס זיינען נאך נישט אריבער די „שבעה"-טעג און אט מוזן מיר פארצייכענען דעם פיינלעכן פאקט, וואס אונזער ווארשעווער ראש-הקהל ה' פארב-שטיין האט ארויסגעוויזן אזא מינימום פון רעספּעקט פארן נאמען פונם גרויסן נפטר, ווען ער האט זיך גלייך צוגעאיילט אפּצונעמען ביים נפטר'ס זון די מעטריקע-ביכער.

דאס זעלבע בלאט שרייבט, אונטערן קעפּל „ה' פארב-שטיינס אומטאקטישקייטן":

מען גיט אונז איבער נאך אן אומטאקטישע האנדלונג פון ה' פארבשטיין. אויפן אדרעס פון דער קהלה-פארוואלטונג זיי-נען אנגעקומען פיל צענדליקער מיטגעפיל-דעפּעשן פון דער גאנצער וועלט, צוליב דער פּטירה פון הרב פּערעלמוטער ז"ל. דערונטער זאל זיך אויך געפינען א קאנדאלענץ פון באראן ראטשילד פון פאריז. צוליב אומפארשטענדלעכע טעמים וויל אבער ה' פארבשטיין נישט איבערגעבן די מיטגעפיל-אויס-דרוקן דער פאמיליע פונם נפטר.

ארום דער האנדלונג פון ה' פארבשטיין בנוגע די קינדער פון הרב פּערעלמוטער.

ווי מיר האבן שוין מיטגעטיילט, האט דער קהלה-פּרעזעס ה' פארבשטיין, באלד נאך דער פּטירה פון הרב פּערעלמוטער, נאך אין די שבעה-טעג, צוגעשיקט אן איפּפאדערונג צו די קינדער פון הרב פּערעלמוטער ז"ל, אז זיי זאלן איבערגעבן די מעלדונגס-ביכער דעם הרב כהנא.

די דאזיקע ברוטאלע טאט פונם קהלה-פּרעזעס, צו טון אזוינס נאך אין די שבעה-טעג, האט ארויסגערופן א שטארקע אויפרעגונג ביי די קינדער פונם נפטר, און דאנערשטיק 12 בייטאג זיינען די לעצטע געקומען אין קהלה אריין און גע-פרעגט פארבשטיינ'ען פארוואס ער האט אזוי ברוטאל געהאנ-דעלט קעגן זיי. הלמאי געפינען זיך עד היום די מעלדונגס-

ביכער ביי די קינדער פונם נפטר-געוואָרענעם הרב זיבענ-בערג ז״ל.

די קינדער פונם נפטר האָבן פאַרבשטיינען אויך פאַרגע-וואָרפן, הלמאי ער גיט זיי נישט אַרויס די קאָנדאָלענץ-דעפּעשן און בריוו, וואָס די קהלה-פאַרוואַלטונג האָט באַקומען פאַר דער משפחה פונם נפטר, צוליב זייער שווערער אבידה.

אין רעזולטאַט איז געקומען צו אַ סקאַנדאַל, בעת וועלכן דער קהלה-פּרעזעס האָט אַזש אַלאַרמירט פּאָליציי און מיט געוואַלט באַזייטיקט פון דער קהלה די זין פונם נפטר הרב פּערעלמוטער ז״ל.

אַלע צושויער, וועלכע האָבן דעם דאָזיקן חילול-השם ביי-געוואוינט, זיינען איינגעצייטערט געוואָרן דערפון.

די איינפּרעגונג קעגן פאַרבשטיינען איז אומגעהויער.

אינם „יידישן טאָגבלאַט״ נר. 208, אונטערן קעפּל „דער „אַטענטאַט״:

אויב עס האָט נאָך ווער עס געהאַט אַ ספק, צי ה׳ פאַרב-שטיין איז דער אמתער „גדול-הדור״, צי איז ער ווירקלעך ראוי צו זיין דער „פירער״ פון דער כנסת-ישראל, דער „וועג-ווייזער״ פאַר די בלאָנדזשענדע יידישע מאַסן — וועט ער שוין איצט מער נישט צווייפלען.

יאָ, פאַרבשטיין איז דער „גדול-הדור״, אַלע „מעלות ומדות שמנו חכמים״ ביי אַ גרויסן מאַן פאַרקערפּערן זיך אין אים. אַ מענש, וואָס איז, קיין עין-הרע, פּעאיק צו אַלעמען; אַ מענש, וואָס אַרבעט פאַרן גלות און אַרבעט פאַר ארץ ישראל; אַ מענש, וואָס שטייט אויף דער וואַך צו פאַרטיידיקן די אינטע-רעסן פון כלל-ישראל, ווו דער דאָזיקער כלל זאָל זיך נישט געפינען...

וואָס דאַרף מען בעסער: אַ „מנהיג״ פון דער וואַרשעווער עדה, אַ „קעמפער״ אין פּוילישן פּאַרלאַמענט, אַ שרייבער אין „נאַש פּשעגלאָנד״, אַ קבלת-פּנים-מאַכער פאַר דער „מים יו-דעא״, און אויב איר ווילט — אויך אַ „רעוואָלוציאָנער״, וואָס

פירט דעם עולם אין גאס אריין צו אן „אויפשטאנד" קעגן ענגלאנד...

איין זאך האט אבער געפעלט דעם ה' פארבשטיין, אז ער זאל ווערן די אמתע באריממטהייט. עס האט אים געפעלט אן אטענטאט.

היינטיקע צייטן, מעגסטו ווי באריממט זיין, קוים האט מען נאך אויף דיר קיין אטענטאט נישט געמאכט, איז דיין פרסום אן אויסגעבלאזן איי נישט ווערט... נישט איין „גרויסער מאן" חלש'ט נעבעך, אז מען אויף אים ארגאניזירן אן אטענטאט (נאטירלעך, זאל דער אטענטאט נישט לונגען...) און זעענדיק, אז עס גייט נישט, נעמט מען און מען ארגאניזירט זיך אליין אן אטענטאט. א ברירה האט מען? אז עס האלט ביי פרסום, ביי כבוד...

ה' פארבשטיין, ווי גרוים מפורסם ער זאל נישט זיין, וויפיל כבוד מען זאל אים שוין נישט האבן צוגעטיילט, האט אים דער אויבערשטער ביז איצט נאך נישט באשערט מיט אן אטענ-טאט. כאטש „האק אין רען", — נישטא קיין אטענטאט...

האט פארבשטיין געהאפט און געווארט, ביז ג—ט האט זיך ענדלעך מרחם-געווען און צוגעשיקט אן אטענטאט.

אזוי דערציילט אונז דער פרייטיקדיגער „היינט" מיט גרויסע קידוש-לבנה-אותיות וועגן אן „אטענטאט" וואס די קינדער פון הרב פערעלמוטער ז"ל האבן געמאכט אויף פארב-שטיינען, ווי אזוי מען האט די „אטענטאטער" „אנטוואפנט" און ווי אזוי מען האט צו זיי ארויסגערופן פאליציי, מיט איין ווארט: אן אטענטאט אין פולן זין פון ווארט, — אן אטענטאט וועלכער איז, פארשטייט זיך, „נישט געלונגען"...

די סבה פונם אטענטאט? — נו יא, דאס איז שוין אביסע-לע טשעקאווע, און עס בעט זיך מען זאל וועגן דעם א ווארט רעדן. די געשיכטע איז אזעלכע:

ה' פארבשטיין, וועלכער האט זיך נישט געקאנט נוקם זיין אין הרב פערעלמוטער בחייו, איז זיך איצט, לאחר מותי, נוקם אין די קינדער זיינע. באלד אין דער „שבעה", ווען גאנץ ווארשע איז געווען איינגעהילט אין טרויער נאך דער אבידה פון איינעם פון די אירע אנגעזעענסטע רבנים, האט ה' פארב-

שטיין צוגעשיקט צו די קינדער פונם נפטר נישט קיין ניחום־אבלים נאך זייער גרויסן טאטן, נאר א קאטעגארישע פאדערונג צוריקצוגעבן די ביכער...

אן ענלעכע קאטעגארישע פאדערונג האט הרב פערעל־מוטער, כידיע, באקומען בחייו. דאן איז, ווי מיר ווייסן, פון דער קאטעגארישער פאדערונג גארנישט געווארן... איצט האט ה׳ פארבשטיין די זעלבע פראצעדור אנגעווענדעט לגבי די קינדער...

באלד אין דער שבעה... אזא זרין האט זיך ארויסגעוויזן דער ה׳ פארבשטיין, נישט קוקנדיק, וואס נאך דער פטירה פון הרב זיבענבערג ז״ל געפינען זיך ביי די קינדער זיינע די ביכער עד היום הזה...

מיר האבן שוין אין אונזער צייטונג געבראכט אן אפענע ווענדונג פון די קינדער פון הרב פערעלמוטער ז״ל צום ה׳ פארבשטיין, וועלכע פאדערן א דין־תורה, און איידער דער פסק־דין וועט ארויסגעטראגן ווערן, זאל אלץ בלייבן כמו שהיי, זאלן די ביכער, הייסט עס, ווייטער ביי זיי בלייבן.

מיר ווייסן נישט, ווי אזוי עס וועט אויסזען די תשובה פון דעפ. פארבשטיין אויף דער דאזיקער ווענדונג און צי וועט ער בכלל „באוויליקן" צו ענטפערן. אבער איינס ווייסן מיר: אויף דעפ. פארבשטיין איז געמאכט געווארן אן „אטענטאט", און די „אטענטאטער" זיינען נישט קיין אנדערע, ווי די... קינדער פון הרב פערעלמוטער ז״ל.

נאטירלעך וואלט זיך ה׳ פארבשטיין געווונשן א מער עפעקטפולן און „שטארקערן" אטענטאט. אבער בשעת־הדחק זיינען די קינדער פון הרב פערעלמוטער ז״ל גאנץ נישקשה־דיקע „אטענטאטער"...

יא, ה׳ פארבשטיין איז ווירקלעך אן „אדם גדול". צו אלעם האט ער שוין דערגרייכט, נאר אן אטענטאט האט אים גע־פעלט.

נו, האט מען אים איצט אויך דערמיט מזכה געווען...

למד־וואוו.

דער באקאנטער זשורנאליסט ה' ב. יאושזאהן, שרייבט אין „היינט" פאלגנדן ארטיקל:

„אין אונזער איצטיקער קהלה-פארוואלטונג אין ווארשע זיינען פאראן געוויסע פערזאנען, וועלכע ארבעטן זייער טיכ-טיק און זייער ענערגיש, וועלכע זיינען זייער טריי און איבער-געגעבן די דרכי-הקהלה, וועלכע היטן דאס קהלה-פארמעגן און ציטערן איבער יעדן גראשן אירן, א סך מער ווי איבער זייער אייגנס, וועלכע קיינער קאן חלילה נישט פארווארפן דעם מינדעסטן חשד און חשש וועגן אייגננוצן, וועלכע צייכענען זיך אוים מיט זייער ערלעכקייט און פארדינען צו זיך אן אומ-באגרענעצטן צוטרוי, אבער גלייכצייטיק דערמיט זיינען זיי אויך גאנץ נישקשהדיקע... רשעים.

א פסק פון ראבינאט — איז קיין פסק נישט

דען די דאזיקע צוויי זאכן שליסן נישט איים איינס דאס אנדערע. מען קאן זיין א גרויסער ערלעכער מאן און צו דער זעלבער צייט אויך א גרויסער רשע. דערביי זיינען פאראן אזעלכע, וואס זיינען רשעים צוליב... ערלעכקייט. דאס געפיל פון ערלעכקייט, הייסט עס, דיקטירט זיי צו האנדלען שטרענג. זיי מוזן האנדלען „עפ"י דין", נישט לאזן זיך באהערשן פון קיין שום סענטימענט, נישט מאכן קיין אויסנאם פאר קיינעם, דערשטיקן אין זיך סימפאטיעס אפילו אין באצוג צו זאכן וועל-כע זיינען זיי אידעאיש הוקא נאענט... און פאראן ווידער אנדע-רע, וועלכע זיינען ערלעכע לייט צוליב... רשעות. נישט די ערלעכקייט דיקטירט זיי צו זיין רשעים, נאר פארקערט, דאס רשעות דיקטירט זיי צו זיין ערלעכע לייט. דאס איז שוין גאר א גאנץ אנדער מין, גאנץ עפעס אנדערש, ודו"ק...

ביישפילן און פאקטן, וואס זאלן באשטעטיקן די ריכטי-קייט פון דער דאזיקער כאראקטעריסטיק, וואלט מען געקאנט אנציילן זייער פיל. איצטיקעס מאל וועלן מיר זיך אפשטעלן בלויז אויף מיין ביישפיל וועגן דער דאזיקער „רשעות צוליב ערלעכקייט", אדער „ערלעכקייט צוליב רשעות" — אויף דער געשיכטע מיט הרב פערלמוטערס יורשים, וואס ציט זיך שוין א דריי פירטל יאר צייט.

די קהלה-פארוואלטונג איז קעגן די יורשים פון הרב פע-

רעלמוטער באגאנגען א שווערע און טאפּלטע עולה: קודם כל האט זי תיכף נאך דער פטירה פון הרב פערעלמוטער, תיכף אין דער „שבעה", פאראָרדנט צוצונעמען ביי די יורשים די מעלדונגס-ביכער, וואס עס האט ארויסגערופן פארדרוס ביי אלעמען, וועלכע זיינען באקאנט מיט דער לאגע פון דער אי-בערגעבליבענער פאמיליע... אבער מען האט קעגן דעם גאר-נישט געקאנט טון; די קהלה האט אנגעוויזן אויף א „סטאַ-טוט", א „דין", וואס באַרעכטיקט אזוי צו האנדלען, הגם אלע ווייסן, אז אין פיל אנדערע ענלעכע פאלן האט זי זיך דערלויבט מקיל צו זיין, געהאלטן אז „הלכה ואין מורין כך" און געהאנ-דעלט לפנים משורת הדין... דער פארשטארבענער הרב פערל-מוטער ז"ל איז פארט געווען איינער פון די עלטסטע און פּאָ-פּולערסטע רבנים אין ווארשע און ער האט זיך נישט פארדינט, מען זאל זיינע קינדער אזוי בזיונדיק באהאנדלען.

אבער נאך מער פארדרוס האט ארויסגערופן די צווייטע געשיכטע — די מעשה מיט דער קרקע, וואס הרב פערעלמו-טער האט פאר זיך געקויפט און אנגעקליבן ביים לעבן, איינ-צאלנדיק אין דער גמינע דעם געהעריקן פרייז, וואס מען האט דאן פארלאנגט פון אים, און פלוצים האט מען זיך דערוווסט, אז די זעלבע גמינע האט נאכהער פארקויפט די דאזיקע שוין איינמאל פארקויפטע קרקע צו א צווייטן, צו א רייכן נפטר, פאר קנאפע פערצן טויזנט זלאטעס. די דאזיקע סקאנדאליעזע געשיכטע איז נאך געשען בחייו, גאנץ ווארשע האט דאן גע-קאכט מיט דעם אומדערהערטן סקאנדאל און אין די צייטונגען איז דאן געווען געשילדערט די רירנדע סצענע, ווי דער אל-טיטשקער הרב פערעלמוטער איז דאן געקומען צולויפן אין דער גמינע, ווו ער האט זיך יאמערלעך צעוויינט און איז פון צער און עגמת-נפש אין חלשות געפאלן... אין א קורצער צייט ארום איז הרב פערעלמוטער נפטר געווארן און קוים בדוחק און בצמצום איז געלונגען צו מאכן פאר אים א שטיקל קבר אויף זיין געקויפטער קרקע, אויף וועלכער עס איז שוין אבער קיין שום מעגלעכקייט נישטא א מצבה צו שטעלן... די יורשים פון הרב פערעלמוטער, די [illegible] האט [illegible] „שבעה" זיך צוגעאיילט אין ביי זיי די מעלדונגס-ביכער צוגע-

נומען, איבערלאזנדיק זיי אן שום מיטלען צום לעבן. פא-
דערן זיי אלזא, מיט רעכט, די געמיינדע זאל זיי, אלס פארגי-
טיקונג, כאטש אומקערן דאס געלט, וואס זי האט גענומען פאר
זייער פאטערס קרקע, מיט וועלכער זי האט קיין שום רעכט
נישט געהאט צו „האנדלען" און עס פארקויפן צו א צווייטן...
אלע יידישע ציי‌טונגען האבן געשריבן וועגן דעם. אלע
אן אויסנאם האבן אנערקענט די תביעה פון הרב פערעלמו-
טערס יורשים פאר א ריכטיקע און אלע האבן אויסגעדריקט
די מיינונג, אז עס איז די פליכט פון דער קהלה-פארוואלטונג
אינם דאזיקן פאל צו גיין מיט די יורשים צו א דין-תורה.
דריי פערטל יאר שוין ציט זיך די דאזיקע געשיכטע.
חדשים לאנג האט מען דער קהלה-פארוואלטונג געדארפט
נאכלויפן, און יעדעס מאל שארפע, אויפפאדערנדיקע נאטיצן
אין די ציי‌טונגען דרוקן און צו דער גע‌זעלשאפטלעכער מיינונג
אפעלירן, און הזמנות פון בית-דין שיקן, און פארשידענע פער-
זענלעכע „אינטערווענצן" אנווענדן, ביז מען האט סוף כל סוף
געקאנט פועלן ביי איר, זי זאל מסכים זיין צו א דין-תורה און
זיך פארלאזן אויפן פסק פון ראבינאט.
ס'איז געווען א דין-תורה מיט אלע פרטים, מיט „זבל"א"
ו„בלא" און מיט א קבלת-קנין, כנהוג, און נאך א לאנגער
שקלא-וטריא, בעת וועלכער עס האט זיך געפאדערט מצד די
דיינים גרויסע אנשטרענגונג נישט נכשל צו ווערן אינם „לא
תגורו", איז ענדלעך ארויסגעטראגן געווארן דער פסק, לויט
וועלכן די יורשים פון הרב פערעלמוטער באקומען פון דער
געמיינדע א פארגיטיגונג פון אכצען הונדערט זל.
זיי זיינען נישט איבעריק צופרידן געווען, די יורשים, פון
דעם דאזיקן פסק. נישט אזא סומע, פון וועלכער עס קומט אויס
נישטיקע עטלעכע הונדערט גילדן אויף א יורש, האבן זיי
געמיינט, נישט דערויף האט זיי געלוינט איינצולייגן וועלטן,
ארומצולויפן גאנצע טעג און די טירן אפצוקלאפן דריי פערטל
יאר נאכאנאנד, אבער — פארפאלן, פסק איז פסק און „אין
לאחר מעשה בי"ד כלום".
ווי פארוואונדערט זיינען מיר אבער געווארן, לייענענדיק
לעצטנס אין די ציי‌טונגען, אז אויף א זיצונג פון דער קהלה-

פארוואלטונג איז באטראכט געווארן דער פסק פון ראבינאט און עס איז געווארן באשלאסן אים אפצווווארפן און צו פאדערן, אז „דער באשלוס זאל נאכאמאל רעווידירט ווערן".

וואס הייסט דאס און וואס מיינט מען דערמיט? ווער זאל דעם באשלוס רעווידירן? — דער ראבינאט? מען זאל, הייסט עס, פאדערן פון ראבינאט, אז ער זאל דעם פסק מבטל מאכן און ער זאל ארויסגעבן א צווייטן, א בעסערן פסק? געשיקט ייד אזעלכעס?... אדער הייסט עס, אז דער פסק-דין פון ראבינאט, אויף וועלכן ביידע צדדים האבן זיך פארלאזט, ווערט אנערקענט אלס אומגילטיק און ווערטלאז און דאס דערליידיקן דעם סכסוך ווערט איבערגעגעבן א צווייטער אינסטאנץ?

נו, און דער ראבינאט, דער ווארשעווער ראבינאט איז טאקע דערויף מסכים? און עס ארט אים נישט? ער פילט זיך רע.־פון גארנישט באליידיקט און דערנידעריקט און ער זעט נישט אין דעם קיין שום „זילותא דבי דינא", קיין שום מינדעסטע נויט-ווענדיקייט צו רעאגירן און צו פראטעסטירן?

א מאדנע עניוות, ממש „ענוותנותו של ר' זכרי' בן אב-קילס"! אומפארשטענדלעך איז פאר אונז די דאזיקע אויפ-פירונג פון א ווארשעווער ראבינאט, אבער נאכמער אומפאר-שטענדלעך איז פאר אונז די אויפפירונג פון געוויסע פערזאנען אין דער קהלה-פארוואלטונג, וואס אין זייער טרייער, אומאייגנ-נייציקער און איבערגעגעבענער ארבעט פאר די צרכי-הקהל דערגייען זיי אזש ביז — „רשעות צוליב ערלעכקייט", אדער „ערלעכקייט צוליב רשעות"...

ב. יאושזאהן.

אונזער ארבעט איז געענדיקט. מיר זיינען נאר אויסן גע-וועז צו געבן אן אלזייטיק בילד פון דעם גרויסן יידן הרב צבי פערעלמוטער, וועלכער האט זיין גאנץ לעבן געארבעט נאר פארן כלל, נישט זוכנדיק דערביי זיין אייגענעם נוצן, האט טראצדעם געהאט א סך שונאים, וועלכע האבן אים גערודפט סיי ביי זיין לעבן און סיי נאך זיין טויט.

צי האבן מיר אונזער אויפגאבע דערפילט? זייער פיל זאכן וואלט מען נאך געקאנט דערציילן וועגן דעם גרויסן

נפטר. אבער מיר לאזן עס איבער פאר דעם קומענדיקן היס-טאריקער, ווער'כער וועט ערשט דארפן אנשרייבן דאס לעבנס-ווערק פונם נפטר; ער, דער היסטאריקער וועט באשטימט געבן דעם לייענער דאס וואס מיר האבן פארפעלט.

איך וועל נאך דא אויסדריקן א דאנק מיינע ברידער לייביש, אפראים און ג׳ ס׳ הרב משה מעכל, וועלכע האבן מיר געהאלפן אין מיין ארבעט, ווי דאס זאמלען מאטעריאלן וכדומה, ווי אויך דעם הערן לייב מארקס, פון לאנדאן, וועלכער האט מיר בייגעהאלפן מיט א געוויסער סומע געלט און דער-מעגלעכט ארויסצוגעבן דאס בוך, כדי אזוי ארום צו פאראייביקן דעם אנדענק פון זיין פארשטארבענער פרוי, מרת חנה בת רב אברהם פרידענטאל פון קלעטשעוו.

אזוי האט געלעבט און געארבעט לטובת הכלל דער גרויסער גאון, דער אוהב ישראל, דער גרויסער יידישער שתדלן הרב ר׳ אברהם צבי פערעלמוטער.

שלום לעפרו.

משה פערעלמוטער, דער פארפאסער און ארויסגעבער